(1928)

נ. אויסלענדער

# דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם און זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו“.

(מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג).

## I

מיט דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו“, ווי ביכלאַל מיט דעם יאָר 1888, ווערט געשלאָסן דער ערשטער פּעריאָד פון שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן, די צייט פון זיינע יוגנטלעכע פּרווון און געוואַגטע, אומזיכערע שריט. ניט אַלץ, מיט וואָס דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם צייכנט זיך אויס אין אָט דעם ערשטן פּעריאָד, לאָזט זיך געפינען אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק. איינינקע שטריכן, וואָס מאַכן אַזוי אייגנאַרטיק די פיגור פונעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען, פאַרשווינדן אין גאַנג פון זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

שאָלעם-אַלייכעם טרעט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ גרויסע סענסאַציע[1]. ער איז אַן איבעראַשונג מיט אַלץ און פאַר אַלעמען. דער יידישער לעזער פון די 80-ער יאָרן, וואָס ווערט פון טכילעס אָן אינטים פאַרבונדן מיט שאָלעם-אַלייכעמען, הייבט ניט אָן צו וויסן אַף קלאָר, ווּהין פירט אים (און פאַרפירט אָפטמאָל!) אָט דער אומגעווינלעך-זאָרגלאָזער און אומגעווינלעך-באַגייסטערטער יונגער שרייבער. פון וואָס ווערט דען שאָ-לעם-אַלייכעם אין יענע יאָרן ניט באַגייסטערט: אָט שרייבט ער אָן אין איין אָטעם, פול מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם זיין קינדער-מייסעלע „דאָס מעסערל“, און אָט נעמט ער זיך דורכפירן די גרעסטע ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע אַקציע פון יענער צייט — „שאָמערס מישפּעט“; אָט וויל ער שאַפן אַ סעריע ברייט-געפּלאַנטע ראָמאַנען וועגן דער פאַמי-ליע בלאַנק (לויט דעם טיפּ פון זאָלאס רוגאָנען-עפּאָפּייע, ווי עס מיינט אין יענער צייט שאָלעם-אַלייכעם), און אָט שרייבט ער בעשוטפעס מיט אַ פּראָסטן גוטן פריינט שלעזן פעליעטאָנען, אין פלוג נאָך האַלב-פּריוואַטע בריוולעך, וואָס ווערן גלייך פאַרעפנטלעכט אין „יידישן פאָלקסבלאַט“.

---

1 „שאָלעם-אַלייכעם איז שוין דעמאָלט געווען אַ מעפורסעם—דערציילט י. כ. ראַווניצקי וועגן 1886-טן יאָר—עמעס, סאַכאַקל דריי יאָר, אַז ער האָט געשריבן יידיש (העברעיש האָט ער פריער אָנגעהויבן שרייבן), נאָר ער איז געווען איינער פון די גליקלעכע שריפטשטעלער, וואָס האָבן באַקומען אַ נאָמען באַלד נאָך זיין ערשטן אַרויס-טריט“ („צ. א. פון ש״א“ ז. 44).

דאָסזעלבע ווערט אָנגעוויזן אויך אין מ. ספּעקטאָרס „אַ קאַפּיטל זיכרוינעס“ („צ. א. פון ש״א“ ז. 34). די גרויסע פּאָפּולערקייט, וואָס שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען האָט באַקומען נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, לאָזט זיך באַזונדערס דייטלעך זען אין „יידישן פאָלקסבלאַט“. עס איז קעדיי צו דערמאַנען, אַז אויך אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָט מען שאָלעם-אַלייכעמס ערשטע יידישע ווערק אופגענומען גאַנץ וואַרעם. אַזוי טרעפן מיר אין „כנסת ישראל“ פון 1887 אַ ברייטערע רעצענזיע וועגן דעם ראָמאַן „קינדער-שפּיל“, ווו דער רעצענזענט—אַ. סיראָטקין שרייבט, אַז די דערציילונג איז א דערפרייענדיקע דערשיינונג אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און איר מעכאַ-בער האָט פאַרדינט אַ גרויסן נאָמען.

שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך אין יענער צייט ניט קיין באַשטימטן וועג, ער קאָן זיך נאָך ווייניק באַהערשן, ער שווימט נאָך מיט אַסאַך שטראָמען, אָבער אין אָט די אַלע צעלאָזענע שטראָמען פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז שוין פאַראַן אַ גרוס פון אַן אופגעוואַכטער קינסטלערישער קראַפט, אַ גרוס פון אַן אופגעוואַכטער ליטעראַטור.

עס איז גענוג אַ בלעטער טאָן די געציילטע זייטלעך פון דער דעמאָלטיקער קריטיק, וואָס האָט זיך גאַנץ פיל אָפּגעגעבן מיט שאָלעם־אַלייכעמען, קעדיי צו זען, ווי שווער אָט דער קריטיק איז געווען זיך צו אָריענטירן צווישן די אַלע סורפּריזן, מיט וועלכע דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם איבעראַשט פון מאָל צו מאָל די יידישע ליטעראַטור[1].

עס איז אָבער נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז די אומופהערלעכע זיגזאַגן פון זיין ליטעראַרישן וועג האָבן טיילמאָל געבראַכט אין פאַרלעגנהייט אויך דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען גופע. אָט שרייבט ער אין די 80־קער יאָרן אין אַ בריוו צו ראווניצקי:

„מיר, שאָלעם־אַלייכעמען, האָט קיינער ניט געזאָגט, אין וואָס באַשטייט מיין זאַדאַטשע, בין איך געגאַנגען און האָב אָנגעשריבן אַ קריטיק אַף שאָמערס פאַסקודסטווע, בין איך געגאַנגען און האָב געוואָלט אויסבויען אַ גרויסן טורעם ביזן הימל אונטער דעם נאָמען „בלאַנק“ (איך מיין אַלע דריי ראָמאַנען: ר׳ סענדער, מאַרקוס בלאַנק דער צווייטער און דער לעצטער פון די בלאַנקס, וועלכן איך שרייב נאָך). ראָמאַנען שרייבן איז ביכלאַל ניט קיין מיסכער און פאַר מיר ביפראַט[2].

אין דעמדאָזיקן בריוו, ווו עס הערט זיך שוין אַ געוויסע קריטישע באַציִונג צו זיך אַליין, איז געווען אויסגעדריקט ניט קיין צופעליקע שטימונג. שאָלעם־אַלייכעמס אָנשטרענגונג צו געפינען פאַר זיך דעם ריכטיקן וועג האָט זיך דעמאָלט דורכגעריסן ניט נאָר אין אַ פריוואַטן בריוו. אין 1887 יאָר דרוקט ער אין „יידישן פאָלקסבלאַט“ אַ ליד, וואָס הייסט „עפנטלעכע אנטוואָרט“. עס איז דאָ געגעבן אַ מין ענטפער דעם רעדאַקטאָר פון „יידישן פאָלקסבלאַט“, וואָס בעט, אַז שאָלעם־אַלייכעם זאָל צושיקן לידער פאַרן זשורנאַל. און שאָלעם־אַלייכעם, וואָס פלעגט ווירקלעך גאַנץ אָפט דרוקן זיינע לידער אין „יידישן פאָלקסבלאַט“, שרייבט דאָסמאָל אין זיין „עפנטלעכער אַנטוואָרט“:

„קיין „באַדכען“ אין „פאָלקסבלאַט“ וויל איך ניט זיין
(האַגאַם איך בין דאָך אַ קנאַפּער פּאָעט!).
איך האָב זיך מיט דער פּאָעזיע געזעגנט גאַנץ פיין,
דער לירע האָב איך געגעבן אַ געט[3].

---

1 מיר וועלן ברייינגען דאָ נאָר איין ביישפּיל.

קריטיקוס (ש. דובנאָוו), וואָס האָט, ווי באוווסט, אין 1887 יאָר צוגעצויגן די געזעלשאַפטלעכע אופמערקזאַמקייט צו שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן, שרייבט אין 1888 יאָר ווידער וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. ער באַהאַנדלט די ראָמאַנען „סענדער בלאַנק“ און „קינדער־שפּיל“ און קומט צום באַשלוס, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז אַ מייסטער צו שילדערן דאָס לעבן פון אונזער גרויס־בורזשואַזיע, „וואָס איר לעבן איז אים, אפּאָנים, באַקאַנט ביז אין די קלענסטע פּראָטים“. אינעם זעלבן אַרטיקל קומט אים אָבער אויס צו באַהאַנדלען נאָך צוויי אַנדערע ביכלעך, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעדרוקט אין דערזעלבער צייט: „דאָס בינטל בלומען“ און „שאָמערס מישפּעט“. דידאָזיקע ביכלעך אונטערשיידן זיך אַזוי פון די פריער־דערמאנטע ראָמאַנען, אַז קריטיקוס איז געצוווּנגען מאַכן אַ באַמערקונג:

„מיר וועלן פאַרצייכענען אין אונדזער היינטיקן איבערזיכט נאָך צוויי נייע קליינע ביכלעך פון שאָלעם־אַלייכעם, וואָס זייער אינהאַלט גייט אַרויס פון די ראַמען פון דעמדאָזיקן שרייבערס געוויינלעכער טעטיקייט (קורסיוו אונזערער — ג. א.).

עס איז אָבער ווייניק צו מאַכן אויך אַזאַ באַמערקונג, ווארום באַלד ווי קריטיקוס גייט איבער צו באַהאַנדלען די „נייע קליינע ביכלעך“, קומט אים אויס ווידער צו קאָנסטאַטירן, אַז צווישן זיי איז ניטאָ „גאָרניט געמיינזאַמעס“ (B.—1888 X).

2 „צ. א. פון ש״א“ ז. 49.

3 פ״ב 1887, № 18.



אַרויסטרעטן מיט אַזאַ דערקלערונג עפנטלעך אין יענע יאָרן, ווען „דיכטן“ איז געווען קימאַט ווי אַ פליכט באַ יעדן איינציקן שרייבער, האָט געקענט זיך דערלויבן נאָר שאָלעם־אַלייכעם, וואָס איז געווען גענוג זיכער אין די סימפּאַטיעס פון גאָר ברייטע לעזערקרייזן. נאָר ווי ס׳זאָל ניט זיין דרייסט אָט־אָ די צעשיידונג מיט דער „פּאָעזיע“, האָט אָבער שאָלעם־אַלייכעם באַדאַרפט אין זיינע יוגנט־ווערק אַנטשיידן נאָך אַנדערע פראַגן, אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָלט באַשטימען דעם ווייטערדיקן וועג פון דער גאַנצער ליטעראַטור. געבן אַן ענטפער אַף די פראַגן האָט שאָלעם־אַלייכעם געמוזט, דאָס האָט געפאָדערט דיזעלבע לעזער־סוויווע, וואָס האָט, ניט ווייסנדיק נאָך אַף קלאָר, וווּהין עס ציט שאָלעם־אַלייכעם, דאָך באַשאָנקען אים מיט דער טיפסטער סימפּאַטיע און אַנערקענונג.

אין ערשטן באַנד „הויז־פריינד“, וואָס איז ארויס אָנהייב 1883 יאָר, האָט י. דינעזאָן, שרייבנדיק אַ ליטעראַטור־איבערזיכט, גאָר ניט צווייַדייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז „פיל פון די, וואָס זיינען היינט סאָפרים און מעוואַקרים געוואָרן צו אורטיילן עפנטלעך יעדן מעכאַבער מער ווי זיין כיבער, זיינען נאָך יונגע לייט, וואָס ליבן יונגן פרישן ווין מער ווי גוטן אַלטן ווין“[1]. אין דער ליטעראַטור האָט זיך בעעמעס דערפילט דאָס יוירן פון „פרישן יונגן ווין“, מע האָט דאָס אָבער באַדאַרפט באַווייזן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט, מע האָט דאָס מאַזל פונעם יונגן ליטעראַרישן דאָר געדאַרפט פאַרבינדן מיט דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער ליטעראַטור. אַז דאָס גייט דערצו האָט מען באַמערקט נאָך גאַנץ פרי. אַזוי, לעמאָשל, האָט קריטיקוס (ש. דובנאָוו) אין 1888־טן יאָר שוין געשריבן, אַז עס האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע שריפטשטעלער, וואָס וויל אנשטאט די פריערדיקע „איינצלנע אָפּגעזונדערטע, גלייך ווי צופעליקע ליטעראַרישע פענאָמענען“[2] שאַפן אַ פרישע, באַנייטע און נאָרמאַל־עקזיסטירנדיקע ליטעראַטור[3]. אין דער שפּיץ פון דערדאָזיקער גרופּע, ווייזט אָן קריטיקוס, שטייען מ. ספּעקטאָר און שאָלעם־אַלייכעם. געוויס האָט קריטיקוס ניט אומזיסט דערמאַנט דאָ אויך מ. ספּעקטאָרן. מ. ספּעקטאָר האָט אָנגעפירט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד מיט דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון „יידישן פאָלקסבלאַט“, ער האָט אויך אָרגאַניזירט אַ בינטל נייע שרייבער אַרום דעם „הויז־פריינד“ — מ. ספּעקטאָר האָט ביכלאַל געהאָלפן צו אָרגאַניזירן יענע נייע „ליטעראַרישע גרופּע“, וואָס אַף איר האָט אָנגעוויזן קריטיקוס. אָבער דער אידעיִשער און קינסטלערישער אָנפירער פון דערדאָזיקער גרופּע איז בעלי־סאָפעק געווען שאָלעם־אַלייכעם. ער האָט דער ערשטער ארייַנגעפירט אין דער ליטעראַטור דעם פּרינציפּיעלן קאַמף פאַר קינסטלערישע אָנשויונגען, ער האָט דער ערשטער — אין זיין באַציִונג צו מענדעלען, — גענומען אונטערשטרייכן, אַז די ליטעראַטור האָט שוין איר קאַנאָן און פאַר דעם קאַנאָן דאַרף מען קעמפן; גלייכצייטיק האָט ער אָבער, באַצייכנדיק מענדעלען אַלס אַ „זיידן“, גענומען אָפּראַמען דעם פּלאַץ פאַרן יונגן דאָר שרייבער, פאַר זייערע פאַרלאַנגען און זייערע אינטערעסן[4]. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלעס האָט שוין באַטייט מער איידער עס איז געזאָגט געוואָרן אין די ציטירטע שורעס פון דער „עפנטלעכער אנטוואָרט“. אין דעם מאָמענט, ווען די זיגזאַגן פון שאָלעם־אַלייכעמס אייגענעם וועג האָבן אָנגעהויבן צונויפפאַלן מיט דער נייער ווענדונג, צו וועלכער עס איז גע־

---

1 י. דינעזאָן: „די יידישע שפּראַכע און אירע שרייבער“, „הויז־פריינד“ I ב.

2 ז. 13, B. 1888/x

3 אומדירעקטע אָנצוהערענישן אַף דערזעלבער גרופּע יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין די 80־ער יאָרן, טרעפן מיר אין „יידישן פאָלקסבלאַט“ נאָך אין 1884־טן יאָר. זע וועגן דעם אין מיין אַרטיקל „נאָטיצן וועגן מענדעלען“ (רויטע וועלט 1928, № 1).

4 וועגן שאָלעם־אַלייכעמס באַציונג צו מענדעלען אין די 80־ער יאָרן, ווי אויך וועגן דעם אינהאַלט פון דער טראַדיציע, וואָס איז צו יענער צייט פאַרבונדן געווען מיט מענדעלעס נאָמען, זע אין מיינע „נאָטיצן וועגן מענדעלען“ (רויטע וועלט 1928, № 1).

האָבן דידאָזיקע געשעענישןווירקלעך ניט געשילדערט [1]. נאָר איין מ. ספּעקטאָר, וואָס האָט אָפּטמאָל גענומען אַף זיך די פליכט פון אַ בעלעטריסט־ אַ היסטאָריאָגראַף, האָט דאָ און דאָרט זיך אומגעקערט צו די פּאָגראָם־געשעענישן. עמעס, אויך ער האָט געשריבן אין 1886־טן יאָר:

„עס איז איצט שווער צו ריידן דערפון אין אַן ערציילונג, ווייל דאָס איז ערשט ניט לאַנג געשעען פאַר אונדזערע אויגן, דאָס אַלעס קלינגט נאָך אונדז אין די אויערן, מיט דעם אַלעמען זיינען אונדז נאָך פאַרשלאָגן די קעפּ, פון דעם אַלעם גייען מיר אַרום ווי פאַרטומלטע, — ווי־זשע קאָן מען אַזאַ לאַגע עפּעס איבערגעבן. עפּעס זאָגן, עפּעס דערציילן"... ספּעקטאָר האָט אָבער גענומען זיך שילדערן יענע צייט. און דאָ איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער שילדערונג לייענען מיר באַ ספּעקטאָרן:

„מיט איין וואָרט, די יידישע וועלט דרייט זיך, מע קלינגט, מע ראַשט, מע וועקט, מע לויפט, מע פליט, מע שרייט, מע פילדערט, עס קאָכט זיך, עס טאַראַראַמט זיך און כייקל, כייקל די רירעוודיקע נעשאָמע רירט זיך אויך"... [2]

לעכאַטכילע דאַכט זיך אונדז, אַז עס איז א ציטאַטע פון שאָלעם־אַלייכעמען, געשריבן האָט עס אָבער דער רויקער ספּעקטאָר, געשריבן אין טאָן פון דער אופרודערונג, וואָס האָט זיך אַסאָציִירט מיט דער פאָרשטעלונג פון די פּאָגראָם־געשעענישן [3]. אָט דעם טאָן דערקענען מיר באַ פיל אַנדערע שרייבער פון די 80־ער יאָרן — אַפילע באַ דעם פּובליציסט, — ווען עס קומט אים אויס צו ריידן וועגן די געשעענישן פון דער צייט. „יידן זיינען געלאָפן — דערציילט ב. בראַנט אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" — פון דערפער אין די שטעט, פון די שטעט אין אַנדערע שטעט; דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, וווהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן: קיין בראָדי, קיין האַמבורג, קיין אַמעריקע, פּאַלעסטיבע... דער אוילעם איז געלאָפן וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן, ווייל ס'איז אים געווען שלעכט, ווייל בלייבן אַף דעם אייגענעם אָרט איז געווען נאָך ערגער. ער איז געלאָפן, ווי מע לויפט פון אַ סרייפע, פון א געוויסער, פון אַ מילכאָמע — און האָט קיין שיילעס ניט געפרעגט, פאַרוואָס ער לויפט, צי איז קעדיי צו לויפן"... [4]

שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט אומזיסט געדרוקט באַ זיך אין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" די ערשט־ציטירטע שורעס. זיי האָבן גערעדט מיט דער שפּראַך פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, מיט דער שפּראַך פון יענער אימפּעטפּולער עפּאָכע, וואָס האָט דערצויגן שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישע נאַטור.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי שאָלעם־אַלייכעם פּאַסט־צו צו דער צייט זיין ערשטן ליטעראַרישן זשאַנר — „די איבערגעכאַפּטע בריוו". אָט דערדאָזיקער זשאַנר, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן אַזשיאָטאַזש פון מענאַכעם־מענדלס פיגור, מיט

1 מענדעלע האָט אין זיין „בסתר רעם" (1886) געגעבן גאַנץ־קנאַפּע שטריכן פון דער פּאָגראָם־צייט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז מענדעלע שרייבט דאָרט: „איר דאַרפט וויסן, אַז היינטיקע ביטערע יאָרן, ווען סע שטייען אַף אונדז אוף אַזויפיל מאַזיקים און בייזע מעכאַבלים, וואַקסן קיין איינאָרע אין די יידישע ציַיטונגען נייע שרייבערס, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. אַזוי איז באַ אונדז שוין אַ מאָדע, אַז יעדע נייע געשעעניש, וואָס סע טרעפט זיך דעם קלאַל איסראָעל, סיי צו גוטן, סיי צו שלעכטן, רופט אַרויס באַזונדערע פּאָעטן און שרייבערס, דאַרשאָנים און שטאַדלאָנים..." („צוריק אהיים". מענדעלעס אַלע ווערק באַנד 16, ז. 88). אַגעוו, האָט מענדעלע אין זיין קינסטלערישער ווענדונג סאָף 80-ער יאָרן זיכער געהאַט עפּעס וואָס צו פאַרדאַנקען אָט די „נייע שרייבער", וועגן וועלכע ער רעדט דאָ אין אַזאַ איראָנישן טאָן. אָבער דאָס איז שוין א טעמע פאַר זיך.

2 מ. ספּעקטאָר: „יודיש" ז. 15.

3 1886 שרייבט מ. ספּעקטאָר: „לעזער! די צייט פון די יידישע פּאָגראָמען איז יעדן באַקאַנט... נאָר נאָך מער פון אַלע ווייסן די, וואָס האָבן זיך אין דער פ ל י ע נ ד י ק ע ר, ל ו י פ נ ד י ק ע ר צייט געפונען אין אָרעס" (קורסיוו אונדזערער — נ. א.) „יודיש" 1886 ז.59.

4 ב. בראַנט „פ. ביב." II ז. 15—14.

דער גאַנצער אופגערודערקייט פון זיין, מענאַכעם־מענדלס, צייט, איז דאָך, אייגנטלעך, באַשאַפן געוואָרן באַ שאָלעם־אַלייכעמען נאָך באַם אָנהייב פון זיין שאַפן. נאָך דעמאָלט הייבט אָן שאָלעם־אַלייכעם נוצן דעם זשאַנר פון בריוו, ווי אַ מין קינסטלערישע רעגיסטראַציע פון די „פיל נייעס, פיל פאַרענדערונגען", וואָס פליִצן פון גאַנצן אַרום. מיר ווייסן, אַז דער כיישעק צו פיקסירן אַלדאָס נייע און פריש־צאַפּלדיקע, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער סוויווע, האָט זיך שפּעטער איינגעוואָרצלט אין שאָלעם־אַלייכעמס נאַטור. שטאַמען שטאַמט אָבער דידאָזיקע אייגנשאַפט פון דער אַטמאָספער פון די 80־ער יאָרן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אין דער יידישער סוויווע אַן אומגעווייִנלעכע באַוועגלעכקייט, אַ טרייב געטון די געשעענישן מיט אַ נייעם אימפּעט.

אָט דער גאַנג פון די געשעענישן האָט גוירעם געווען דערצו, אַז די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן זאָל אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרלויפן ניט אונטערן צייכן פון יענער געזעלשאַפטלעכער פאַרגליווערטקייט, וואָס דיזעלבע עפּאָכע האָט געבראַכט אין דער רוסישער ליטעראַטור. די פּאָגראָם־קאַטאַסטראָפע האָט אַריינגעבראַכט אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נייע פאַקטן און נייע אידייען. די האַסקאָלע־אידעאָלאָגיע, וואָס איז געקומען צו איר „טויטן פונקט" נאָך אין די 70־ער יאָרן, ווערט נאָך די פּאָגראָם־געשעענישן פולשטענדיק דיסקרעדיטירט [1]. אַ טייל פון אירע דעמאָקראַטישע קאַוואָנעס נעמט איבער די ניי־אופקומענדיקע כיבאַס־ציען־באַוועגונג. אָבער דאָס קומט שוין פאָר באַ גאָר נייע באַדינגונגען. די יידישע גרויס־בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ הייבן אָן אָנצייכענען פאַר זיך אַן אייגענע אידעאָלאָגישע ליניע, זיי קאָנען שוין באַגיין זיך אָן יענער קלוימערשט־דעמאָקראַטישער פראַזעאָלאָגיע, וועלכע האָט ווי־ניט־ווי געמוזט גילטן אויך פאַר דער יידישער בורזשואַזיע אין יענע צייטן, ווען ס'האָט געהערשט די האַסקאָלע־טראַדיציע.

אין דערזעלבער צייט הייבט זיך אָן אַ דיפערענצירונג־פּראָצעס צווישן די דעמאָלטיקע יידן־סאָציאַליסטן. אַ טייל פון זיי, די, וואָס זיינען פאַרבליבן טריי דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויונג, זוכט אונטערן דרוק פון די פּאָגראָם־געשעענישן צו פאַרטיפערן און אַף אַ נייעם אויפן פאָרמולירן דעם ניכטערן קוק אַף די אַרומיקע געשעענישן. אַ צווייטער טייל, די, וואָס פאַר זיי איז גענוג געווען דאָס ביסל דעמאָקראַטישע קאַוואָנעס, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אָנקניפּן אין דער נאַציאָנאַליסטישער כיבאַס־ציען־אידייע, זאָגן זיך אָפּ פון זייער

1 די אויסגעשעפּטקייט פון דער האַסקאָלע-אידעאָלאָגיע האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן שוין סאָף 70-ער יאָרן. די איראָנישע באַציונג צו די קאַנאָניזירטע האַסקאָלע-אידייען, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין מענדעלעס „קליאַטשע" (1873), איז באַ אייניקע שרייבער פון די 70-טער יאָרן באַזונדערס באַ די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער און שאַרף-אונטערייסנדיקער קריטיק בענוגייע צו דער גאַנצער האַסקאָלע-באַוועגונג. אַזוי לייענען מיר אין „קול לעם" פון 1879, № 11 אַן אַרטיקל פון בן-נץ (מ. ווינטשעווסקי): „אין אונדזער צייט, וואָס די אַלגעמיינע אויסבילדונג האָט זיך מער און מער איינגעפלאַנצט באַ דעם קרעמער-פאָלק, איך מיין באַ אונדז אידן — האָבן זיך אָנגעפאַנגען די אַמאָליקע פּוסטע באַלעבאַטישע ייִנגלעך (וואָס נאָך דער כאַסענע זיינען זיי קעדערעך האַטעווע געוואָרן פּוסטע באַלעבעסלעך און האָבן ווייטער קעדעררעך האַטעווע געגעסן קעסט און געזאָרגט „פיר די פאָרטפלאַנצונג דער מענטשהייט", ווי די דייטשן זאָגן) — האָבן זיי אָנגעפאַנגען פון טאָג צו טאָג מעגולגל צו ווערן אין מאַסקילים — — — אונדזערע מאַסקילים האַלטן זיך פאַר פרייגייסטער גלייך ווי זיי הערן אוף צו דאַוונען. דאָס וואָלט נאָך קיין בייז ניט געווען, זיינען זיי אָבער צייטנווייז אַזוי פּוסט, אַז דער אייבערשטער זאָל זיך מעראַכעם זיין — — אונדזערע פּוסטע יידישע פרייגייסטער האָבן געהערט ריידנדיק פון נייע מענטשנפריינטלעכע אידייען און ווייל ס'איז ניטאָ וואָס צו טון, האָט מען זיך דערצו געכאַפּט. צייט, לאַנד, מענטשן — דאָס איז באַ זיי אַ זייטיקע מייסע, דעריבער ריידן זיי גאָרניט"...

גאָר אַף אַן אַנדער אויפן איז געקומען צו זיין קריטיק פון דער האַסקאָלע (אין דערזעלבער צייטונג) עליאָקום צונזער אין אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט זיך געדרוקט אונטערן נאָמען „אויסגעשווינקט די שיסל און ווידער אַריינגעגאָסן באָרשט", דאָ האָט זיך שוין געפילט צוזאַמען מיט דער קריטישער באַציונג צו האַסקאָלע אויך דער נאַציאָנאַליסטישער טאָן פון „טשאַוועס".

גענויער וועגן דעם אין מיין אַרבעט: „מענדעלעס מיטגייער אין די 70-ער יאָרן".

זייט מיר האָבן אונדזערע גאַזעטן, האָט מען אָנגעהויבן שרייבן פון יידן נייס, אָבער פון וועלכע יידן שרייבט מען? פון ראָטשילדן, פון מאָנטעפיאָרען און פון אנדערע רייכע יידן פון גרויסע שטעט, מ׳שרייבט אפילע פון אַנדערע גרויסע מענטשן: פון ביסמאַרקן, גלאַדסטאָן, פון דעם טערק, דעם אַראַבער און פון וועמען איר ווילט, אפילע ווי אזוי מ׳מאַכט שוואַרצע טינט און וואָס מע דאַרף איינעמען, אַז מ׳האָט קאַדאָכעס, אָבער פון דער יידישער מאַסע — געפינט איר זייער זעלטן עפּעס אין די גאַזעטן, מ׳פאַרגעסט גאָר אין זיי, מ׳וויל גאָרניט וויסן, אַז דריי מיליאָנען פון די 4 מיליאָן רוסישע יידן לעבן אין די קליינע שטעטלעך, דאָס זיינען די יידישע דערפער, דאָ ליגט אונדזער נאַראָדנאָסט...[1]

דערדאָזיקער דעוויז פון „נאַראָדנאָסט" האָט געזאָלט גילטן ניט נאָר פאַר ספּעקטאָרס זשורנאַליסטישער טעטיקייט. מ. ספּעקטאָר האָט נאָך אין זעלבן 1884־טן יאָר באמיט זיך אַריינצופירן זיין „נאַראָדנאָסט" אין אַ קינסטלערישן ווערק: אין זיין „ר׳ טרייטל". נאָך דעם „ראָמאַן אָן א נאָמען", ווו מ. ספּעקטאָר האָט זיך פארנומען צו שילדערן זיינע העלדן אפן פאָן פון גרויסשטאָטישן לעבן, האָט דער „ר׳ טרייטל" פאָרגעשטעלט אַ פּרווו ווידער צו ווענדן די געזעלשאַפטלעכע אופמערקזאַמקייט צו יענעם קליינעם שטעטל, „ווו עס וווינט דאָס יידישע פאָלק, אונדזער יידישע מאַסע". און דאָסזעלבע זעען מיר אין יענער צייט אויך באַ שאָלעם-אַלייכעמען. אין די 80־ער יאָרן טראָגט זיך שאָלעם-אַלייכעם אַרום מיט פּלענער פון ראָמאַנען, וואָס זאָלן שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער גרויסשטאָטישער בורזשואַזיע, טיילווייז טרעט ער שוין אַפילע צו צו דער שילדערונג און דאָך, ווען עס קומט אים אויס אין „וואָסכאָד" צו פירן אַ פּאָלעמיק מיט פרוגן, שרייבט שאָלעם-אַלייכעם מיט שטאָלץ וועגן זיך, אַז ער איז „אַ באַאָבאַכטער פונעם פּראָווינציעלן לעבן פון דער יידישער מאַסע"[2]. אַפּאָנים, אַז די ראָמאַנען פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשואַזיע, מיטן גרויסשטאָטישן קאָלאָריט פון דער האַנדלונג, מיט די העלדן, וואָס פאָרן אום איבער אויסלאַנד — דאָס אלץ האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרטונקלען אין שאָלעם-אַלייכעמען דעם געדאַנק, אַז זיין באַרוף איז פאַרבונדן מיטן „פּראָווינציעלן לעבן פון דער יידישער מאַסע". און דאָס זעען מיר אויך אין זיינע קינסטלערישע ווערק פון יענער צייט. אין 1888־טן יאָר קומט אלס ביילאַגע צום „יידישן פאָלקסבלאַט" דער ראָמאַן „סענדער בלאנק". שאָלעם-אַלייכעם קאָן זיך ניט איינהאַלטן ניט ארויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן דעם העלד פון זיין ראָמאַן און ער קומט צום באַשלוס, אַז סענדער בלאנק איז דער יידישער „קיט־קיטיטש" (אַ נעגאַטיווע פיגור באַם רוסישן דראמאטורג אָסטראָווסקי). כאַראַקטעריסטיש איז די באמערקונג, וואָס שאָלעם-אַלייכעם מאַכט דערביי.

„מערסטנטיילס — שרייבט שאָלעם-אַלייכעם — געפינט איר אזעלכע יידישע קיט־קיטשעס אין די קליינע שטעטלעך, ווו דער גוויר פון דער שטאָט זעט ניט קיין בעסערס פון זיך, און מיינט, אז קיין קליגערס פון אים איז ניטאָ אף דער גאַנצער וועלט, קיין גרעסערס, קיין קליגערס, קיין רייכערס, קיין עלטערס..."[3]

1 מ. ספּעקטאָר „אין וועג" פ״ב 1884, № 29. אין מ. ספּעקטאָרס רייזע-באַשרייבונגען לאָזט זיך, אַגעוו, ערטערווייז דערקענען דער מוסטער, לויט וועלכן י. ל. פּערעץ האָט נאָכדעם געשריבן זיינע „בילדער פון אַ פּראָווינץ-רייזע".

2 Хроника Восхода 1888 № 35.
דעמזעלבן טאָן פון איינעם, וואָס האָט די רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער פּראָווינץ, די קליינע שטעטלעך, הערן מיר אויך אין שאָלעם-אַלייכעמס אַ ווענדונג צו ראַווניצקי. שאָלעם-אַלייכעם שרייבט:
— „אַ, גליקלעכער רבי קצין לעב! איר זיצט זיך דאָרט אין דעם שיינעם אָדעס, באַם שיינעם שוואַרצן יאַם און כאָלעמט אייך אַ זיסן כאָלעם... כאַפּט זיך אַראָפּ צו אונדז אין דער פּראָווינץ, אין די קליינע שטעטלעך אריין, וועט איר זען ווי באַ אונדז, אַפן ליטעראַרישן מארק איז פריילעך... („פ. ביב." I באנד ז. 351).

3 „ר׳ סענדער בלאנק" — סעפּאַראַט-אויסגאַבע פון „פ״ב" פון 1888 ז. 27. אין דער שפּעטערדיקער באַאַרבעטונג פון „סענדער בלאנק" האָט שאָלעם-אליכעם די שטעל אַרויסגעוואָרפן.



פאַרגעסן אָן די „קליינע שטעטלעך" האָט שאָלעם-אַלייכעם, אַפּאָנים, ניט געקאָנט אויך דעמאָלט, ווען ער האָט, אין פלוג, געהאַט צו טון מיטן גרויסשטאָטישן לעבן. דער פאָלקיזם פון סאָף 80־ער יאָרן האָט אָבער געשטויסן גיין ווייטער פון אָט דעם שטענדיקן דערמאָנען אָן דעם „קליינעם שטעטל". און דאָס זעען מיר אין שאָלעם-אליכעמס „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס".

אין 1888—1887 דרוקט שאָלעם-אַלייכעם אין „יידישן פאָלקסבלאַט" אַ סעריע „בילדער פון דער באַרדיטשעווער גאַס". אַהער קומען צו אויך „בילדער פון דער זשיטאָמירער גאַס" און דיזעלבע אַנטקעגנשטעלונג פון גרויסער און קליינער שטאָט, וואָס מיר האָבן פריער געהאַט געזעען באַ ספּעקטאָרן, שווימט דאָ אוף ווידער, האַגאַם אין אַ געענדערטער פאָרם. אויסערלעך זיינען די באַרדיטשעווער און זשיטאָמירער גאַסן — גאַסן פון איין שטאָט. עס ליגט אָבער צווישן זיי גאָר אַ גרויסער מעהאלעך.

„בין איך ווידער אראָפּ אַף דער באַרדיטשעווער גאַס — דערציילט שאָלעם-אַלייכעם — עס איז שוין געווען אָוונט־צייט, ווינטער, קאַלט און פינצטער און אַ מאָרעשכוירע איז געלעגן אף אלע הייזער... הייזער? כליוון, זעמליאַנקעס, דורכגענעצטע, שוואַרצע, קאַלטע, מיט ערד גערעקט, די פענצטער ארומגעשטעקט מיט געלע קישעלעך, רויטע קאָלדרעס און שוואַרצע שמאַטעס — מיט איינעם וואָרט, ליבער לעזער, דו ווייסט זי, דו קאָנסט זי, די באַרדיטשעווער גאַס אין היינטיקע צייטן, אין היינטיקע ביטערע יאָרן"[1].

אַף דער זשיטאָמירער גאַס ליגט שוין דער גלאַנץ פון ציוויליזאַציע. אין איר וואוינען די רייכערע, מער אופגעקלערטע יידן: דידאָזיקע גאַס איז לויט איר כאַראַקטער מער אַ גרויסשטאָטישע גאַס. די באַרדיטשעווער גאַס איז אין שאָלעם-אַלייכעמס שילדערונג דאָס טיפּישע קליינשטעטל. און אָט וועגן אָט דער באַרדיטשעווער גאַס שרייבט שאָלעם-אַלייכעם:

„דידאָזיקע ווויסטע, פינצטערע גאַס, וועט איר מיר גלויבן? — איז מיר טייער, ליב, איינגעבאַקן אין האַרצן, עפּעס ווי אַ נעבעכל, ווי אַ יעסוימעלע, ווי אַן אומגליקלעך קינד... אַ נעבעכל, אומשטיינס געזאָגט, וואָס סע דרייט זיך אומעטום און איז גרויס באַ יעדערן אין די אויגן און דערפאר טאַקע, סע הייסט מייטאַמע, ווייל עס לעבט, ווייל עס רודערט זיך, און ווייל עס דרייט זיך פאַר די אויגן, הארגעט מען עס, מע מיימעסט דאָס... איך האָב זי ליב די באַרדיטשעווער גאַס, איך האָב זי ליב מיט מיין גאַנצן כיעס, אָן כאָכמעס, אָן כניפע, אָן קאָמפּלימענטן, כאָטש ניט איינמאָל קומט מיר אויס צו לאַכן אויס איר, אויס אירע ווילדע מעשונע אַנטיקלעך, וועלכע געפינען זיך נאָר באַ איר און טאַקע ווידער מיי־טאַמע האָב איך זי ליב, אַדעראבע, מיט די אַנטיקלעך אירע, מיט אירע כעסרוינעס, מיט אירע דומהייטן, מיט אירע ספּלעטניעס, מיט אירע אָריגינאלנע טיפּן, מיט אירע איינפאַלן, מיט אירע העפלעך, מיט אירע שטיקלעך, מיט אירע דריידלעך..."[2].

עס איז קלאָר פון דידאָזיקע שורעס, אַז דאָ האָבן מיר ניט נאָר דעם אויסדרוק פון מיטלייד צו דער באַרדיטשעווער גאַס, נאָר אויך אַ געוויסע פארליבטקייט, אַ מין באַגייסטערונג פאר די „אָריגינאַלנע טיפּן" פון דער אָרעמער גאַס. מ. ספּעקטאָרס „נאַראָדנאָסט" ווערט דאָ באַרייכערט מיט אַ נייעם אינהאלט. ארויסגייענדיק פון אַן אויסגעשפּראָכן־נעגאַטיווער באַציִונג צו די „קיט־קיטישעס", ווערט שאָלעם-אַלייכעמס פאָלקיזם אייגנארטיק באַפאַרבט דורך אָט דער פאַרליבטקייט אין די געשטאַלטן פון דער אָרעמער גאַס. באַנאַנד מיט אַ גאַנץ ניכטערן קוק אַף די „כעסרוינעס" און „דומהייטן" פון אָט דער אָרעמער גאַס גייט באַ שאָלעם-אַלייכעמען אַ געוויסע נעטיע צו זוכן אַ באַגעגעניש מיט די געשטאַלטן פון באַרדיטשעווער גאַס, שטודירן זיי, צוקוקן זיך צו זיי און עפּעס וואָס אָפּלערנען דערביי פאַר זיך, פאר זיין אייגענעם געדאַנקענגאנג.

1 פ״ב 1887, № 12.

2 פ״ב 1887, № 45.

80־ער יאָרן. די געשטאַלטן פונעם קינד און דעם באַלמעלאָכע, וואָס האָבן שפּעטער אין „ווינשפינגערל" און באַזונדערס אין „שלוימע ר' כאַיעמס" געזאָלט זיין דער אויסדרוק פון מענדעלעס אינסטינקטיווער אָריענטירונג אף א באַהאַלטענעם שעפערישן קויעך פון דער ברייטער מאַסע, זיינען געקומען שוין נאָכדעם, ווי די גרופּע יונגע שרייבער פון די 80־ער יאָרן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם מאַסקילישן צוגאַנג צו דער פאָלקס־מאַסע. דיזעלבע קינד־און באַלמעלאָכע־געשטאַלטן בעיס זיי זיינען אופגעטראָטן צום ערשטן מאָל אין מענדעלעס ווערק האָבן זיי געהאַט גאָרניט אַזאַ פּאָעטישע באַאַרבונג, ווי דאָס איז געקומען באַ מענדעלען אין די שפּעטערדיקע וואַריאַנטן פון זיינע ווערק. די מאַסן־געשטאַלטן פון דער „טאַקסע" האָבן ווייניק־וואָס געקאָנט איידעס זאָגן וועגן מענדעלעס גלויבן אין די שאַפנדיקע קויכעס פון דער אומבאַהאָלפענער פאַרדולטער מאַסע. און וואָס איז נעגייע צו „פישקע דעם קרומען" האָט דאָך מענדעלע נאָך אין דער אויסגאַבע פון סאָף אַכציקער יאָרן אונטערגעשטרייכט (אין דער ווענדונג צו מענאַשע מארגוליסן), אַז דער שווערפּונקט פון דעם ווערק ליגט אין די „שמאַטעס און פוילער סכוירע", וואָס ווערט דאָ באַוויזן.

דאָס נייע, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכנט די נייע ווענדונג צום „פאָלק" באַם יינגערן דאָר שרייבער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער, דער נייער שרייבער, איז געגאַנגען אין „פאָלק" ניט נאָר קעדיי צו באַווייזן די שטריכן פון אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרקריפּלונג, נאָר אויך קעדיי צו זוכן אין דער טיף פון דער פאָלקס־מאַסע פאַרבאָרגענע קרעפטן, שאַפנדיקע קויכעס. ווי שווער עס זיינען ניט געווען פּערעצעס איינדרוקן אין זיינע „בילדער פון א פּראָווינץ־רייזע", האָט ער דאָך אין דער זעלבער צייט געשריבן זיין „וואָס הייסט נעשאָמע?" (1890), „א טויט פון א קלעזמער" (1891) און „שאָלעם באַיעס" (אָנגעהויבן נאָך אין די 80־ער יאָרן). ווען מע פאַרגלייכט אָט די ווערק מיט שאָלעם־אַלייכעמס „בינטל בלומען" (1888), לעמאָשל, דערפילט מען גלייך דעם געמיינזאַמען טאָן פון אָפּטימיזם, וואָס קוועלט דאָ באַהאַלטענערהייט און רופט צו זוכן ערגעץ אין דער אַרומיקייט פאַרבאָרגענע שיינקייט, באַהאַלטענע קרעפטן[1]. אַזוי איבעראַשנדיק, ווי עס איז געווען פאַר פּערעצעס העלד פון „וואָס הייסט נעשאָמע?" צו דערוויסן זיך, אַז די „נעשאָמע", וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוווסט באַם נאָמען אָנצורופן, הייסט גאָר לויטן נאָמען פון זיין געליבטער — גיטל, אַזוי איבעראַשנדיק איז דאָס מאָל פאַר שאָלעם־אַלייכעמען געווען צו געפינען באַ זיך אין שטעטל, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען נאָר דער אָביעקט פון סאַטירע, מאָטיוון פאר ליריש־הומאָריסטישע בילדער. און דעמזעלבן וועג, ווי פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, מאַכט דורך מ. ספּעקטאָר אין די 80־ער יאָרן.

„— וואָס? — שרייבט ספּעקטאָר אין „ר' טרייטל" — אין זלידניוווקע שפּילט מען אויך ראָמאַנען מיט פאַרליבענישן? עס כאָלעמען זיך דאָ אויך כאַלוימעס פון פאַרליבענישן? — וועט געוויס פרעגן דער גרויסשטעטלשער לעזער. יאָ, אין זלידניוווקע אויך! ניט ערגער, ווי באַ אייך אין די גרויסע שטעט! זיי האָבן אויך הערצער און אויגן, וואָס פילן און זען, זיי פאַרליבן זיך אויך, זיי פירן גאַנץ לאַנגע ראָמאַנען, זיי ווייזט זיך אויך אויס, אַז ווען זייערע טייערע געליבטע הייבן אָן דאָ צו רעדן, איז דאָס ניט קיין רעדן פון א פּראָסטן מענטשן, נאָר עס גיסט זיך פון זייערע מיילער זיסער האָניק. די לעוואָנע לייכט זיי אויך צו, די

1 פּערעצעס בען־דאָר ש. אשקענאַזי דערציילט: „פּערעץ האָט זיך שוין דעמאָלט (אין די 80-ער יאָרן) שטאַרק אינטערעסירט מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. ער האָט בעעמעס געליבט זיין פאָלק, איבערהויפּט די אָרעמע און נידעריקע שיכטן פונעם פאָלק. ער האָט מיר שטענדיק געזאָגט: „מיט די אַלטע טאַלמודיסטן און בורזשואַזיע איז גאָרניט צו מאַכן. פון זיי איז ניטאָ וואָס צו האָפן, נאָר דער פעבל, די אַרבעטער-מאַסע — דאָס איז א פעלד צו אַרבעטן, דאָס איז אַן אומגליקלעך פאָלק, אָבער א פעיקס. דאָ געפינט זיך פיל אידעאַליזם, נאָר מע דאַרף זיי בילדן, מע האָט זיי פאַרנאַכלעסיקט..."

(ציטירט לויט ז. רייזענס לעקסיקאָן II באַנד).



ליבע זון שמייכלט זיי אויך צו, די ביימער קוקן אויך אף זיי מיט זייערע גרינע אייגעלעך, און די פייגעלעך זינגען זיי אויך צו אפן באַרג לעבן דער באָד, גלייך ווי באַ אייך אין די גרויסע שטעט אַף די בולוואַרן, לעבן די פאָנטאַנעס און גערטנער. דאָס קאָפּיקענע כיילעוונע ליכטל לייכט זיי אויך אַרויס פון די קליינע שטיבעלעך, פון די נידעריקע פענצטער, פּונקט ווי באַ אייך דאָס זונעלע־ליכט פון דעם עלעקטרישן פייער[1].

מיר באַקומען דאָ ווידער א מין ענטפער אף דער פראַגע: „וואָס הייסט נעשאָמע?", אָבער דאָסמאָל איז דער דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישער צוגאַנג צום קליין שטעטל נאָך דייטלעכער, און ספּעקטאָר איז ניט פאַרבליבן באַ הוילע רייד אין דער הינזיכט. נאָך אין מיטן די 80־ער יאָרן האָט ער גענומען זוכן די קוואַלן פון יידישן פאָלקס־שאַפן[2], צום ערשטן מאָל צוגעצויגן די געזעלשאַפטלעכע אופמערקזאַמקייט צום יידישן פאָלקלאָר. ווי קליין עס זיינען ניט געווען די ערשטע דערגרייכונגען אין דעם געביט, איז עס דאָך געווען די מאַניפעסטאַציע פון א נייער באַציִונג צום לעבן און שאַפן פון דער ברייטער מאַסע, א נייער אַקט פון דער דערנעענטערונג צום יידישן מאַסן־לאַבן אין די 80־ער יאָרן. און אַזעלכע מאָמענטן לאָזן זיך אין יעדער צייט פאַרצייכענען לערעוו[3].

אין יענער צייט, ווען דער יונגער דאָר שרייבער האָט דורכגעמאַכט זיין פאָלקיסטישן עטאַפּ, איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס מ. ספּעקטאָר האָט אין 1886־טן יאָר אין האַלב־איראָנישן טאָן גענומען שילדערן די „דריי פאַרשוין" — דעם „פאַלעסטינעץ", דעם „אַסימיליאטאָר" און דעם „גלאַט אַזוי" — און האָט איבער דעם אַלעמען געשטעלט א מאָטאָ:

לאַכן הייסט ניט כויזעק מאַכן,
לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט...

(נאָכגעזאָגט פון א פּראָסטן יידן[4].

דידאָזיקע אַפּעליאַציע צום „פּראָסטן יידן" וואָלט עפּשער געקאָנט אויסזען צופעליק, ווען ספּעקטאָר זאָל זיך ניט אומקערן צו דעם ווידער. ספּעקטאָר שרייבט אָבער אינעם עפּילאָג צום זעלבן „דריי פאַרשוין":

„דער וואָס אינטערעסירט זיך פאר פאַלעסטינע און וויל וויסן ווי עס שטייט די פאַלעסטינישע באַוועגונג, זאָל זיך אַמבעסטן צוהערן וואָס דער אוילעם זאָגט וועגן דעם, וועט ער פיל ריכטיקער וויסן ווי פון דעם לייענען פאַרשיידענע באַשרייבונגען מיט פּאָלעמיקעס פון איינצלנע מענטשן, וועלכע לאָזן זיך פאַרפירן פון זייער פאַנטאַזיע אין דעם נאָמען פון דעם גאַנצן פאָלק, כאָטש קיינער האָט זיי ניט געהייסן...[5]

מיר זעען דאָ, אַז דאָס פאַרופן זיך אַפן „פּראָסטן יידן" איז ניט געווען קיין צופאַל. אַפּעלירן צום „גאַנצן פאָלק", צום „פּראָסטן יידן" האָט מ. ספּעקטאָר געפּרוווט סיי דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט וועגן „נאַראָדנאָסט" און גערופן צו באַשרייבן דאָס לעבן פון קליי־

1 „ר' טרייטל". דערשינען צום ערשטן מאָל אַלס ביילאַגע צום „פ״ב" פון 1884. ווערט באַ אונדז ציטירט לויט דער אויסגאַבע פון „הויז-פריינד" 1895 ז. 14.

2 וועגן שאָלעם-אַלייכעמס אינטערעס צום יידישן פאָלקלאָר איז ביזאַהער געווען באַוווסט נאָר פון זיין „קול מבשר צו דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק", (1892), ווו ש״א האָט פאַרעפנטלעכט אַן אינסטרוקציע, ווי צו זאַמלען פאָלקלאָר. מיר דערוויסן זיך אָבער איצט אין ש״א׳ס אַ בריוו צו נעפּע (זע ווייטער אין דער אָפּטיילונג: „דאָקומענטן און מאַטעריאַלן"), אַז ש״א האָט נאָך אין 1888-טן יאָר געזאַמלט יידישע פאָלקס-לידער.

3 דערביי האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַף אַ נייעם אויפן פאַרענטפערט ווערן אויך די שפּראַך-פראַגע. אי פּערעץ, אי שאָלעם-אַלייכעם האָבן זייער נייע שטעלונג צו אָט דער פראַגע גענוג קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט אין די 80-ער יאָרן. דאָס איז אָבער אַ טעמע, וואָס פאָדערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

4 „יודיש" (פּעטערבורג 1886). די דערציילונג איז, אַגעוו, געגאַנגען מיט אַן אונטערקעפּל „געווידמעט מיין טייערן כאַווער שאָלעם-אַלייכעם".

5 מ. ספּעקטאָר: „יודיש" ז. 67.

נעם שטעטל, סיי דעמאָלט, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין קריטישע באַציִונג צו די גאַנגבאַרע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אידייען פון אַרום („פּאַלעסטינעך", „אַסימיליאַטאָר") און האָט אינסטינקטיוו געצויגן זיך צו עפּעס אַ נייעם וועג—דעם וועג צום „פּאָלק". און דידאָזיקע אינסטינקטיווע באַוועגונג צום „פּאָלק" האָט פאַרבונדן דעמאָלט פּרעצן, שאָלעם־אַלייכעמען און ספּעקטאָרן.

## IV

מיר האָבן ביזאַהער געפּרווט סקיצירן אייניקע עפּיזאָדן אינעם לעבן פונעם „ליטעראַרישן וועלטל", וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען, מיר האָבן דערביי באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דאָס געמיינזאַמע, וואָס האָט פאַרבונדן דעם נייעם דאָר שרייבער, נעמלעך: זיין נייע באַציִונג צום „פּראָסטן יידן"[1]. מ׳דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס הייסט א „פּראָסטער ייד", האָט געקענט זיין גאָר פאַרשיידן בא די שרייבער פון די 80־ער יאָרן. באַ מ. ספּעקטאָרן, לעמאָשל, האָט געקענט טרעפן, אַז אין זיין „ר׳ טרייטל" האָט ער גענומען אידעאַליזירן דעם העלד בערל פלאַסטער—אַ נעמיש פון שטריכן, וואָס זיינען בא מענדעלען פאַרקערפּערט אין די הויפּט־העלדן פון „מאַטאָעס ביניאָמין האַשלישי". בערל פלאַסטער, איינער פון די פּאַראַזיטישע געשטאַלטן, וועמען מענדעלע וואָלט געוויס געמאַכט פאַרן אָביעקט פון סאַרקאַסטישער אָפּלאַכונג — ווערט באַ ספּעקטאָרן גענומען קימאַט אין אַן אידילישער באַלויכטונג.

אין אַזעלכע פאַלן האָט דער אינטערעס צום „פּראָסטן יידן", נאַטירלעך, געמוזט אָנווערן דעם כאַראַקטער פון א פּראָגרעסיווער דערשיינונג. דאָס האָט געהייסן, אַז מע זאָגט זיך אָפּ פון א קריטישער באַציִונג צו דער אַרומיקער סוויווע און אונטערן צייכן פונעם אינטערעס צום „פּראָסטן יידן" קומט צום וואָרט די קאָנסערוואַטיוו־באַלעבאַטישע האַסאָגע פון דעם אָדער יענעם מעכאַבער. אַזעלכע פאַלן האָבן אָבער פּאַסירט דעמאָלט נאָר זעלטן. עס וואָלט זיין א טאָעס צו מיינען, אַז צוליב די נייע פּאָלקיסטישע שטימונגען, וואָס זיינען טיילווייז געווען אַן אָפּווייכונג פון די קעמפערישע האַסקאָלע־טענדענצן, האָבן די יונגע שרייבער פון די 80־ער יאָרן אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון א קריטישער באַציִונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט. ס׳איז גענוג איבערצולייענען דעמזעלבן „ר׳ טרייטל" ספּעקטאָרס, שאָלעם־אַלייכעמס „סענדער בלאַנק", „געט", „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס", אָדער גאָר די ליד „יידישע טשינאָווניקעס" קעדיי צו זען, ווי אָפט עס האָט פּאַסירט, אַז דער שרייבער פון די 80־ער יאָרן האָט אופגענומען א מאַסקילישן מאָטיוו און געפירט אים צו א ווייטערדיקער, נייער פאַרקערפּערונג. איז דען ניט פונעם מאַסקילישן „קריטיציזם" אויסגעוואָקסן ספּעקטאָרס נעגאַטיווע באַציִונג צום יידישן הענדלער און טענדלער, צו דער „קרעמערשער וועלט", ווי מ. ספּעקטאָר רופט עס אָן אין זיין „ר׳ טרייטל"— א באַציִונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געלאָזט וויסן אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען? דער שרייבער פון די 80-ער יאָרן האָט דעם „קריטיציזם" פונעם מאַסקילישן דאָר אופגעפּאַסט ווי דעם וויכטיקסטן עלעמענט פון יענער ליטעראַרישער טראַדיציע, וועלכע ער, דער יונגער שרייבער האָט איבערגענומען. אַוועקגיין פון אָט דערדאָזיקער טראַדיציע האָט ער קיינמאָל ניט געאיילט זיך. ווי ווייט דאָס איז געווען א שטיק טראַדיציע האָט עס אַפילע ניט געפאָדערט קיין גרויס אָנשטרענגונג באַם נייעם דאָר שרייבער. פיל שווערער איז אָבער געווען צו שאַפן זיך אַן אייגענעם צוגאַנג צום „פּראָסטן יידן", וואָס האָט זיך גאָר אין א נייער שיין אַוועקגעשטעלט פאַר דעם ייִנגערן

[1] אַף אָט דער נייער באַציונג צום „פּראָסטן יידן" האָט זיך דערצויגן אַווראָם רייזענס דיכטונג. זיינע ערשטע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אָנהייב 90-ער יאָרן, האָבן נאָך אַנטוויקלט ווייטער די נייע באַציונג צום „פּראָסטן יידן", וואָס האָט זיך אָנגעמערקט אין די 80-ער יאָרן. (וועגן דעם, ווי די ליטעראַטור פון די 80-ער יאָרן האָט געווירקט אַף א. רייזענען — זע אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" — „פרייהייט" 1927).



שרייבער. בעיס שאָלעם־אַלייכעם האָט אין זיינע נאָטיצן „פונעם וועג" דערציילט וועגן דעם יידן, דעם „יודע מחשבות", האָט ער סאָפּקאָלסאָף מער ווי אַ סכעמאַטישע פיגור פון א „פּראָסטן יידן" ניט באַוויזן צו געבן. דעסגלייכן אין די „בילדער פון באַרדיטשעווער גאַס". שאָלעם־אַלייכעם האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן די „אָריגינאַלנע טיפּן" פון אָט דער „וויסטער, פינצטערער גאַס", דער גאַס פון דער יידישער אָרעמקייט. ער האָט אָבער אויך דאָסמאָל מער ווי א סכעמע פון אָט דער גאַס ניט געגעבן.

באַפרייען זיך פון סכעמאַטישקייט איז שאָלעם־אַלייכעמען געלונגען נאָר אין זיין דערציילונג „דאָס מעסערל" (1887). אָט־די דערציילונג האָט דערפאַר טאַקע באַטייט אַן איבערבראָך־מאָמענט אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג, ווייל דאָ אינעם „מעסערל" האָט זיך צום ערשטן מאָל אַ שרייבער פון די 80־ערן יאָרן איינגעגעבן צו ווייזן אַ לעבעדיקע געשטאַלט, וועלכע טראָגט אין זיך עפּעס אַ סימען פון געזונטקייט, האַרמאָנישקייט, אַ פונק פון אַ פאַרבאָרגענעם שעפערישן קויעך, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין דער טיפעניש פון דער פּאָלקס־מאַסע. דאָס האָט געשטימט מיט שאָלעם־אַלייכעמס פּאָלקיסטישע סימפּאַטיעס פון יענער צייט, אָבער באַוויזן איז עס דאָך געוואָרן ניט מער ווי אין דער געשטאַלט פון אַ קינד. און שאָלעם־אַלייכעם האָט געמוזט ווייטער זוכן דעם פּאַסיקן העלד.

ס׳איז באַוווסט דער פאַקט, אַז פּרעץ האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט געהאַט געשריבן אַ פּאָעמע אונטערן נאָמען: „ווו נעם איך אַ העלד?" עפּעס ענלעכס דערצו האָט געמעגט אופשרייבן אַף זיין ווערק פון די 80־ער יאָרן שאָלעם־אַלייכעם אויך.

———

ס׳איז נייטיק צו פאַרצייכענען, אַז שוין אין דער צייט שטויסט זיך שאָלעם־אַלייכעם אָן אַף דער פּראָבלעם פון יידישן באַלמעלאָכע־לעבן. פאַר אַ פּאָלקיסט פון די 80־ער יאָרן איז עס געווען קימאַט ווי אומפאַרמיידלעך.

„אין די 80־ער יאָרן—שרייבט י. צינבערג—האָט די אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן יידן, אַלס אַ פּאָלק פון הענדלער, הויפּטזאַכלעך, גענומען אָפּטרעטן דאָס אָרט דעם דורכויס נייעם קוק, וואָס האָט מער געשטימט מיט די פאַקטן פון דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט. די אויספאָרשונגען פון אייניקע אָביעקטיווע עקאָנאָמיסטן, באַזונדערס פון סובאָטינען, האָבן אַפּן איבערצייגנדיקסטן אויפן דערוויזן, אַז דאָס יידישע פּאָלק אין רוסלאַנד — איז אַן אַרבעט־פּאָלק, וואָרום די גרעסטע מערהייט זיינע באַשעפטיקט זיך קימאַט מיט אַלע געביטן פון פיזישער אַרבעט. דער ייד דער שוואַרצאַרבעטער, דער ערדגראָבער, דער שטיינקלאַפּער, דער פורמאַן א. אַז. וו.,—אָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ביז יענער צייט אינגאַנצן פאַרטושירט אַפּן האָריזאָנט פון דער יידישער פראַגע (?), האָט זיך אַרויסגעוויזן אין סובאָטינס בוך אין זיין גאַנצער גוואַלדיקער אָרעמקייט און פּאַרוואָרלאָזקייט"[1].

ווי קריטיש מיר זאָלן איצט זיך ניט באַציִען סיי צו די יעדיעס פון דעם „אָביעקטיוון עקאָנאָמיסט" סובאָטין, סיי צו דער טראַקטירונג פון זיינע יעדיעס באַ צינבערגן, איז עס א פאַקט אָבער, אַז דידאָזיקע יעדיעס, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1887־טן יאָר, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רוישעם. אַזעלכע יעדיעס האָבן סאָף 80־ער יאָרן אָנגעהויבן אָנקומען אויך פון אַנדערע קוועלן[2]. אינעם באַוווסטזיין פון די יידישע שרייבער פון די 80־ער יאָרן, באַזונדערס די, וואָס האָבן גערעדט וועגן „פּאָלק", הייבט אָן פאַרנעמען אַן אָרט

[1] С. Цинберг: Жаргонная литература и ея читатели. В. 1903/IV .45 .ז

[2] אין „Восход" פון י. 1889 געפינען מיר אַ סטאַטיסטישן איבערזיכט פון די יידן־באַלמעלאָכעס אין קאָוונער גוב. ווי עס ווערט אין דעם איבערזיכט אָנגעוויזן, זיינען אין 1887 יאָר אופגעקליבן געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם טכום גענויע יעדיעס וועגן דער צאָל יידישע באַלמעלאָכעס. דער „Восход" באַרויערט נאָר, וואָס דידאָזיקע יעדיעס זיינען נאָך ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אַט די נייע סאָציאַלע פיגור—דער באַלמעלאָכע, וועלכן מע איז געניטגט צוצוגעבן אַ גרויסע באַדייטונג. אַף איין פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט, ווילן מיר דאָ אָנווייזן. אין 1886־טן יאָר האָט אין „יידישן פאָלקסבלאַט" זיך געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן „באַלמעלאָכישע שוטפעסן" (אַרטעלן). די־דאָזיקע אַרטיקלען זיינען אין 1887־טן יאָר דערשינען אין דער פאָרם פון אַ ביכל, וואָס האָט געהייסן: „אַ נוצלעך קעשענע־ביכל פאַר יעדן באַלמעלאָכע און אַרבעטער", און אָט־דאָס ביכל האָט אין משעך פון אַ פּאָר יאָר ניט אופגעהערט צו זיין דער אָביעקט פון אופמערקזאַמקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. דער ערשטער ווער עס שרייבט וועגן דעם ביכל, איז ראַווניצקי אין שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק". רעצענזירנדיק דאָס דערמאָנטע ביכל, שרייבט ראַווניצקי:

„דאָס קליינע קעשענע־ביכל, מעג מען זאָגן, איז אַ גרויסער צייכן פון דער צייט: עס ווייזט, ווי אונדזער יונגע פאָלקס־ליטעראַטור האָט זיך אין דער לעצטער צייט אופגעמונטערט און **אופגעהויבן** (קורסיוו באַ ראַווניצקין — נ. א.) צו אַ נייעם פרישן לעבן... [1].

י. כ. ראַווניצקי ווייזט אָן אַף די מיילעס פונעם ביכל, וואָס רעדט „מיטן פּראָסטן אוילעם אַזוינע פּראָסטע ריינע ווערטער, וואַרעמע און פאַרצוקערטע מייַסעלעך", ער זעט איין דעם פאַרדינסט פונעם ביכל דערין, וואָס עס איז נוצלעך פאַר **יעדן** באַלמעלאָכע און אַרבעטער. מ'דאַרף אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן,—שרייבט ער — אַז דער ייד איז אין דערזעלבער צייט אַ מענטש אויך, גלייך מיט אַלע מענטשן און דעריבער האָט דער יידישער אַרבעטער „אויך פונקט די אייגענע אינטערעסן, וואָס אַלע אַרבעטער ביכלאַל". ראַווניצקי האַלט דעריבער, אַז די ביישפילן פון אויסלאַנד, וואָס ווערן געבראַכט אינעם ביכל, קאָנען גוט דינען אויך דעם יידישן באַלמעלאָכע.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז גראָדע דערדאָזיקער פונקט פונעם „קעשענע־ביכל" רופט אַרויס מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (1891) דעם שאַרפסטן אָנפאַל מיצאַד י. ל. פּערעצן. רעצענזירנדיק דאָסזעלבע „קעשענע־ביכל", שטעלט זיך פּערעץ אָפּ געניוי אַף די פעלערן, וואָס דער מעכאַבער איז באַגאַנגען, אָבער מער פון אַלץ איז ער געשטימט קעגן דעם ביכל דערפאַר, וואָס עס אָפּערירט ניט מיט די פאַקטן פון אַרומיקן לעבן, פון רוסלענדישן לעבן.

„מיר מיינען—שרייבט פּערעץ—אַז עס וואָלט גלייכער געווען אונדזערע מעכאַברים זאָלן וויניקער רעדן פון אויסלאַנד (געוועזן אָדער געלעזן), בעסער באַטראַכטן, וואָס אין דער היים טוט זיך. אויב זיי ווילן שרייבן איבער דער אַרבעטער־פראַגע, זאָלן זיי פריער די פראַגע שטודירן, די ליטעראַטור און דעריקער דאָס לעבן!" [2].

און דאָך, ניט געקוקט אַף אַזאַ אָפּשאַצונג, קומט אויך פּערעץ צום אויספיר, אַז דער מעכאַבער פונעם „קעשענע־ביכל" האָט אַ גרויסן פאַרדינסט: „ער איז (דוכט זיך) דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן (אָדער איבערזעצן שטיקלעך) פאַר באַלמעלאָכעס". אין דערדאָזיקער רעצענזיע האָבן מיר אַ וויכטיקן שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פון פּערעצעס שטימונג סאָף 80־ער און אָנהייב 90־ער יאָרן.

מיר זעעןווירקלעך, ווי פּערעץ פירט איין אין זיין ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק" פון 1891 אַ באַזונדערע „אָפּטיילונג פאַר באַלמעלאָכעס". אין דעם אַריינפיר צו דערדאָזיקער אָפּטיילונג פּרווט י. ל. פּערעץ פאַרענטפערן די פראַגע: פאַרוואָס זאָרגט די „יידישע ביבליאָטעק" פאַר באַלמעלאָכעס מער איידער פון „אַנדערע קלאַסן אידן?", און ער קומט צום באַשלוס: „דער האַנדל ביכלאַל און מיקאָלשקן דאָס פאַקטאָריי **מוז** פאַלן **און אונדזער גאַנצע** **טיקווע** אַף **שפּעטער** **זיינען** **נאָר** **באַלמעלאָכעס**" (קורסיוו באַ פּערעצן). מיר זעען ווי די באַציִונג צום באַלמעלאָכע ווערט דאָ באַוווסטזיניק מאָטיווירט, און ענלעכס דערצו געפינען מיר אין יענער צייט אויך באַ שאָלעם־אַלייכעמען.

[1] „פ. ביב." I באַנד ז. 336.

[2] פּערעצעס „יידישע ביבליאָטעק" I באַנד, 1891.



שאָלעם־אַלייכעם, ווייסן מיר, האָט נאָך מיט יאָרן שפּעטער אין „פריינד" פון 1903 יאָר פאַר זיינע קאָרעספּאָנדענצן ניט געפונען קיין אַנדער אונטערשריפט ווי אַ „באַלמעלאָכע". סאָף 80־ער יאָרן איז די פיגור פונעם באַלמעלאָכע שאָלעם־אַלייכעמען באַזונדערס נאָענט. אין צווייטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" פון 1889 דרוקט שאָלעם־אַלייכעם זיינעם אַ האַלב־בעלעטריסטישן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אַ פּאָר ווערטער וועגן אונדזער באַלמעלאָכע". ער גיט עטלעכע סילועטן פון שטעטלשע באַלמעלאָכעס, אָבער דער הויפּט־אינטערעס פונעם אַרטיקל ליגט אין דער אידייע פון אַ „באַלמעלאָכישן פאָדראַד", וואָס „באַ דער וועלט הייסט עס אַסאָציאַציע. באַ אונדז אין רוסלאַנד ווערט עס אָנגערופן אַרטעל". אינטערעסאַנט איז דער נאָכוואָרט פונעם אַרטיקל, וואָס הייסט: „עטלעכע וואַרעמע ווערטער צו אונדזערע שרייבער".

„ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יוישער — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם — אַז אונדזערע יידישע שרייבער, וואָס אַף זייער מאַזל איז אויסגעפאַלן צו זיין לערער פאַרן פאָלק, זאָלן זיך נעמען צו דער שיילע, זי דורכלערנען, ווי עס דאַרף צו זיין, ניט פאַרגעסן, אַז אין דעם ליגט אַ גליק קימאַט פאַר אַ גרויסן צאָל יידישע רעמעסלעניקעס, אָרעמעלייט, נעבעך, וואָס פאַלן פּראָסט מיטן פּאָנים צו דער ערד אין דער לעצטער צייט באַ היינטיקע ביטערע יאָרן!.. געלערנטע האָבן מיר אַסאַך, מאַסקילים נאָך מער, נאָר עפּעס הערט מען ניט באַ אונדז, אַז לייטישע מענטשן זאָלן זיך אַוועקזעצן לערנען אַזעלכע זאַכן; עפּעס איז מען זיך מעפּאַלפּל אין הויכע איניאָנים, אין הימל־זאַכן, און, אַז איינער לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד גאַנץ נידעריק, ווערט צווישן די שרייבער די אַריסטאָקראַטן אַ סומאַטאָכע: „אַהאַ, די שוסטער־גאַס"!.. אונדזערע אַריסטאָקראַטן פאַרגעסן, אַז אַן **עמעסער** מאַסקיל הייסט דער, וואָס קאָן זיך אַראָפּלאָזן צום פאָלק און אויסלערנען אַלע זיינע באַדערפענישן, דאָס לעבן זיינס, מיט אַלץ, וואָס אים פעלט, און וואָס נוצלעך איז" [1].

דאָ האָבן מיר ווידער אַ פאַל, ווען אַרום דער געשטאַלט פונעם באַלמעלאָכע ווערן גרופּירט די אינטערעסן פונעם פאָלקיסטיש־געשטימטן יידישן שרייבער פון די 80־ער יאָרן.

דידאָזיקע אינטערעסן האָבן, עמעס, געהאַט אַ שמאָל־באַגרענעצטן פאַרנעם. צו אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע, וואָס זאָל די פאָלקיסטישע שטימונגען פירן צו קאָנקרעטע מייַסים, איז קיינמאָל אין די 80־ער יאָרן ניט דערגאַנגען. דער פאָלקיזם פון דער נייער גרופּע שרייבער איז געווען צופיל פּרימיטיוו, אַז ער זאָל וואַגן אַף עפּעס גרעסערס. אויב דאָ האָט מען שוין אופגעהערט גלויבן אין די כסאָדים פונעם „קייסער", ווי דאָס האָט געטון דער פריערדיקער דאָר מאַסקילים, איז מען אָבער ווייט מיט אָט דעם אומגלויבן ניט געגאַנגען, פאַרזיכערנדיק זיך, אַז „אין די גרויסע צאָרעס קאָן נאָר גאָט אַרויסהעלפן" [2], אָבער אויב אין דער באַציִונג צו דעם אַלגעמיין רוסלענדישן רעזשים פון די 80־ער יאָרן זיינען די נייע שרייבער ניט געגאַנגען פיל ווייטער פון די מאַסקילים, האָבן זיי דאָך געוויס געמאַכט אַ שריט פאָרויס אין דער אָפּשאַצונג פון דעם אינערלעכן רעזשים פון דער יידישער סוויווע. דאָס האָט זיך גאַנץ בולעט אַרויסבאַוויזן אין דער באַציִונג צום באַלמעלאָכע, דאָס האָט זיך אַרויסבאַוויזן אויך אין דער באַציִונג צו דער געשטאַלט פונעם יידישן גוויר.

אַפן וועג צום „פּראָסטן יידן" האָט נאָך יעדער איינער פונעם נייעם דאָר שרייבער דורכגעמאַכט זיין פעריאָד פון אָריענטירן זיך אין דעם שטייגער, וואָס עס האָט גענומען

[1] „פ"ביב". II באַנד ז. 111.

[2] „ייד. פ"ב" 1883 מ. ספּעקטאָר: „פון שטוב און גאַס".

איינפירן די ניי אופגעקלערטע יידישע בורזשואַזיע פון די 80־ער יאָרן. אויב מיט עטלעכע יאָרן שפּעטער האָט פּערעץ געהאַט שוין די מעגלעכקייט צו שרייבן אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן (אין זיינע „פיר דוירעס—פיר צאַוואָעס״) וועגן דער ליידיקער נעשאָמע פון מאָריץ בענדעטזאָן — דעם יינגסטן פאָרשטייער פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע — איז דאָך זיכער דידאָזיקע אופאַסונג געקומען נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער דערפאַרונג, וואָס עס האָט געבראַכט די ערשטע ווערק ספּעקטאָרס און שאָלעם־אַלייכעמס. ספּעקטאָר האָט אין זיין „ראָמאַן אָן אַ נאָמען״ — אין פלוג נאָר אַ האַלב־קינסטלעריש ווערק — פאַרמאָסטן זיך צו געבן אַ שאַרף בילד פון יענער פּוסטקייט, וואָס לויערט איבער דעם לעבנשטייגער פון דער יידישער בורזשואַזיע. אַרויסשטעלנדיק אַלס „פּאָזיטיוון״ העלד יאַקאָבזאָנען, וואָס איז נאָך אַלע זיינע אינטעליגענטישע איבערלעבונגען געקומען צום באַוווסטזיין, אַז „מיין ברעג איז אַרבעט״, באַטאָנט ספּעקטאָר אַף שריט און טריט די נעגאַטיווע שטריכן פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשואַזער סוויווע (זי ווערט באַוויזן אַרום דער פאַמיליע כאַרקאָווסקי).

שאָלעם־אַלייכעם האָט דעמדאָזיקן פּעריאָד פון אָריענטירן זיך אינעם לעבן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע דורכגעמאַכט נאָך מער אינטענסיוו. באַזונדערס אין די יוגנטלעכע ראָמאַנען, געשריבן פאַר „סטעמפּעניו״. דידאָזיקע ראָמאַנען („נאַטאַשע״, „קינדערשפּיל״, „סענדער בלאַנק״) האָבן, ווי באַוווסט, געהאַט געשאַפן דעם יונגען שאָלעם־אַלייכעמען אַ באַשטימטע רעפּוטאַציע פון אַ שרייבער, וואָס איז באַרופן צו שילדערן דאָס לעבן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע [1]. און אָט גראַדע דידאָזיקע ראָמאַנען האָבן דייטלעך אָנגעצייכנט פאַר שאָלעם־אַלייכעמען די נייטיקייט צו „אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק״.

די הויפּט־טענדענץ פון זיינע יוגנטלעכע ווערק פון נעגידישן לעבן האָט שאָלעם־אַלייכעם טרעפלעך אויסגעדריקט אין דעם פינאַל פון דער קאָמעדיע „אַ דאָקטער״ (1887), ווו דער שאַדכן רופט אויס, מיינענדיק די נעגידים:

„— זיי דאַרפן אַלע אַ דאָקטער, דאַרפן זיי... ווי אין לעבן אַריין אַ דאָקטער...״

אוןווירקלעך: אַלע שאָלעם־אַלייכעמס בילדער פונעם לעבן פון דער יידישער בורזשואַזיע האָבן דערציילט וועגן אַזאַ פאַרדאָרבנקייט פון דער סוויווע, אַז דעם שאַדכנס אויסרוף האָט געמוזט קלינגען מער ווי נאַטירלעך. דערביי איז די אייגנאַרטיקייט פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן צוגאַנג באַשטאַנען דערין, וואָס ער פלעג אַרויסגיין אין דער שילדערונג פון דער נעגידישער שטוב ניט אויסשליסלעך פון איר קאָהאָלשער פונקציע, ווי דאָס פלעג טון מענדעלע אין דעם פאַל, ווען ער האָט געשילדערט אַ „קליין מענטשעלע״. פאַר מענדעלען איז דער יידישער גוויר, דער אָביעקט פון מענדעלעס ליידנשאַפטלעכן האַס, געווען דאָך אַ מעטושטעשדיקע פיגור, אין וועלכער מענדעלע האָט געקענט אונטערשיידן נאָר די שטריכן פונעם קאָהאָלישן רעדלפירער, אָבער ניט דעם גאַנצן סכום פון סאָציאַלע און אינדיווידועל־מענטשלעכע אייגנשאַפטן. באַ שאָלעם־אַלייכעמען טרעפט אַמאָל, אַז ער גיט זיך ניט אָפּ לאַכלוטן מיט די קאָהאָלשע פונקציעס פון דעם אָדער יענעם גוויר. זיין העלד סענדער בלאַנק, וואָס איז געווען אַמאָל „אַ קליין מענטשעלע, גאָר אַ קליין מענטשעלע״ (ז. 28), נעמט שאָלעם־אַלייכעם אינגאַנצן ארויס פון קאָהאָלשן לעבן. און אַזוי טוט ער אויך מיט זיינע העלדן פון ראָמאַן „קינדערשפּיל״. זיי זיינען גענומען שוין אַף אַ נייעם פאָן, מענדעלעס צוגאַנג צום גוויר ווי צום קאָהאָלשן רעדלפירער קאָן מער ניט דינען. עס איז נייטיק צו געפינען אַ נייעם קינסטלערישן קריטעריִ, און דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם זוכט אַזאַ קריטעריִ מיט גרויס אָנשטרענגונג. עמעס, זיין פאָלקיזם איז נאָך צופיל פּרימיטיוו און ליגט נאָך מער אין שאָלעם־אַלייכעמס אינסטינקט, איידער

1) זע אויבן ז. 6, באַמערקונג 1.



אין זיין באַוווסטזיין, אָבער דער אינסטינקט איז אַ גענוג זיכערער און שאָלעם־אַלייכעם וויל אים ניט לאָזן שווייגן.

מיר זעען, לעמאָשל, ווי שאָלעם־אַלייכעם שרייבט שוין אין דער ערשטער אופלאַגע פון „סענדער בלאַנק״: „ר׳ סענדער — דאָס איז נאָך אונדזער מיינונג אַ יידישער קיט־קיטיטש, (אַ געוויסער טיפּ פון דעם רוסישן דראַמאַטורג אָסטראָווסקי), נאָר אַף דעם יידישן שניט, אַף דעם יידישן פאַסאָן״.

מיט דעמדאָזיקן זאַץ (פאַר דעם זאַץ איז מען אַף שאָלעם־אַלייכעמען, אַגעוו, זייער שאַרף אָנגעפאַלן דעמאָלט. וועגן דעם — שפּעטער) האָט שאָלעם־אַלייכעם דורכויס געוואָלט אונטערשטרייכן די באַוווסטזיניקייט פון זיין נעגאַטיווער באַציִונג צום יידישן גוויר, סענדער בלאַנק. דידאָזיקע באַציִונג האָט אָבער געלאָזט זיך וויסן אין אַלע יוגנטלעכע ווערק שאָלעם־אַלייכעמס[1]. ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף די, וואָס זיינען באַקאַנט, וועלן מיר דאָ אָנווייזן אַף די ווייניק־באַקאַנטע פיגורן פון די פאַמיליעס פיינפליגעלגאָלד און שאַרפשטיין אין דער „וועלט־רייזע״ (זע דריטע טייל: „די בעסטע יאָרן״). מיר האָבן דאָ אַ מייסטערישן גראָטעסק, צו וועלכן שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך נאָר זעלטן־ווען איינגעגעבן צו דערלאַנגען אין די 80־ער יאָרן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס שאָלעם־אַלייכעם גראָטעסקירט אויך די געשטאַלטן פון דער פאַמיליע פיינפליגעלגאָלד ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דאָ האָט ער צוטון מיט אַ גוויר אַ יוירעד, וואָס וואָלט באַ אַן אַנדערן, ווי ספּעקטאָר, לעמאָשל, אַרויסגערופן גיכער אַ ראַכמאָנעס־געפיל. שאָלעם־אַלייכעם טראָגט אריין אין דער שילדערונג פון אָט דעם יוירעד דעמזעלבן טאָן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אין „סענדער בלאַנק״. ער לאָזט אויך דאָ הערן יענעם פאַרשפּיצטן קריטיציזם, וואָס פלעגט זיך דערוועקן אין אים אַלעמאָל, ווי נאָר עס פלעג אים אויסקומען שילדערן די נעגידישע סוויווע.

אָט דעם קריטיציזם איז באַזונדערס נייטיק אונטערצושטרייכן בעיס מיר כאַראַקטעריזירן שאָלעם־אַלייכעמס שטימונגען פון סאָף 80־ער יאָר. אין דער צייט פון שאָלעם־אַלייכעמס אומרויִקן זוכן „ווו נעם איך אַ העלד?״, האָט דער קריטיציזם ניט אופגעהערט צו באַלויכטן פאַר אים זיין וועג פאָרויס. איבערגייענדיק פון שיכט צו שיכט, האָט שאָלעם־אַלייכעם באַם שיין פון פאַרשאַרפטן קריטיציזם אָפּגעשאַצט דעם סאָציאַלן ווערט פון די אָדער יענע געשטאַלטן אין דער יידישער סוויווע. אָבער צום סאָף 80־ער יאָרן הייבט אָן שאָלעם־אַלייכעמס קריטישע באַציִונג צו דער יידישער ווירקלעכקייט אַרויסבאַווייזן קענטלעכע סימאָנים פון וואַקלעניש און אומאַנטשלאָסנקייט. און דאָס מישט אוף אַ ניי קאַפּיטל אין שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכער אנטוויקלונג.

## V

מאָריס ווינטשעווסקי, וואָס האָט דורכגעמאַכט די עפּאָכע פון די 80־ער יאָרן אין אויסלאַנד, דערציילט איבער אין זיינע „ערינערונגען״: „מיר האָבן אַפילע, זייענדיק אין ענגלאנד די פּאָגראָמען אין יעליסאַוועטגראַד, אין סמילע, אין קיעוו און קאַטערינאָסלאוו, אין באלטע און אַנדערשווו דורכגעלעבט, מיטגעמאַכט און מיטגעליטן, דערפאַר האָבן מיר פּונקט אַזוי געפילט אין אלעביינער דעם קומענדיקן קאַדאָכעס־אָנפאַל״[2]. און ווינטשעווסקי דערציילט ווייטער וועגן זיין אייגענעם „נאַציאָנאַל־שמערץ״, וואָס האָט באַקומען דעם שאַרפסטן אויסדרוק אין אַ געוויסער ליד פון 1884־טן יאָר.

1 דאָס ראָוו וואריאירט שאָלעם־אַלייכעם דאָ צוויי מאָטיוון. אָדער ער לאַכט אויס די „ציוויליזירטקייט״, וואָס איז א געמיש פון אומגעלומפּערטער נאָכקרימעריי און ליידיקגייערישע האָסאָגעס (באַזונדערס באַ דער נעגידישער יוגנט—די „פינאַנץ־פּרינצן״, ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט זיי אָן), אָדער ער באַווייזט די אומגעהייערע „געלט־זוכט״, וואָס דערשטיקט אינעם גוויר די עלעמענטאַרע געפילן פון „מענטשלעכקייט״.

2 מ. ווינטשעווסקי: ערינערונגען ז. 213. מאָסקווע 1926.

אויסערלעך ווען מען פֿאַרגלייכט די ליד, וואָס ווינטשעווסקי ווייזט אָן, מיט די לידער, וואָס עס האָט צו יענער צייט געשריבן שאָלעם-אַלייכעם, קאָן זיך אויסווייזן, אַז ניט געקוקט אַף די פֿאַרשיידענע לאַגערן, צו וועלכע די צוויי שרייבער האָבן געהערט, האָט דאָך דער „נאַציאָנאַל-שמערץ" בא ביידן באַקומען אַ גאַנץ ענלעכן ליטעראַרישן אויסדרוק. אינדערעמעסן איז עס אָבער אַזוי ניט געווען. בא מ. ווינטשעווסקין איז דער „נאַציאָנאַל-שמערץ", ווי ווייט ער זאָל ניט ווערן פֿאַרשאַרפֿט, דאָך געצוימט און אָנגעפֿירט געוואָרן דורך דעם פֿעסט-באַשטימטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. באַ שאָלעם-אַלייכעמען האָט דידאָזיקע גאַנצע און אויסגעשפּראָכענע וועלט-אַנשויונג געפֿעלט. די אַלע נויגונגען און סימפּאַטיעס, וואָס מיר האָבן ביז אהער פֿאַרצייכנט אַלס אויסדרוק פֿון פּרימיטיוון, נאָך ניט אויסגעקריסטאַליזירטן פֿאָלקיזם, האָבן וויניק-וואָס געקענט באַשיצן דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען פֿונעם דרוק פֿון די אַלערליי נאַציאָנאַליסטיש-אַפּאָלאָגעטישע און סטאַם קאָנסערוואַטיווע שטימונגען, וואָס האָבן אונטער דעם אָנזעען פֿון „נאַציאָנאַל-שמערץ" גענומען אַריינרייסן זיך אין דער ליטעראַטור אַריין [1]. דאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן אין אייניקע לידער שאָלעם-אַלייכעמס, דאָס איז קלאָר אויך פֿון אייניקע אַפּאָלאָגעטישע שטעלן אין „שאָמערס מישפּעט", אין געוויסע ערטער פֿון שאָלעם-אַלייכעמס „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק" פֿון 1888 און 1889.

---

[1] קעדיי ריכטיק אָפּשאַצן די ווירקונג פֿון אָט די שטימונגען, דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם ברייטן קרייז פֿון ליטעראַרישע פֿאַרבינדונגען, וואָס האָט זיך אין די 80-ער יאָרן — באַזונדערס צום סאָף 80-ער יאָרן — געשאַפֿן אַרום יונגן שאָלעם-אַלייכעמען. געגוג בוילעט מאָלט זיך דאָס אַלעס אין שאָלעם-אַלייכעמס בוך „יידישע שרייבער". ניט בלויז די גרופּע „חכמי קיעוו" (שאַצקעס, יהל״ל און אַנד.) האָט, זעט אויס, געמוזט צו יענער צייט ווירקן אַף שאָלעם-אַלייכעמען (ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער באַציט זיך אין די שפּעטער-געשריבענע זיכרוינעס גאַנץ קריטיש צו זיי) — אויך לעווינסקי, בן-עמי, פֿרישמאַן, ראַוויניצקי—זיי אַלע האָבן געשאַפֿן אַרום שאָלעם-אַלייכעמען יענע אַטמאָספֿער, ווו דער „נאַציאָנאַל-שמערץ" האָט באַקומען אַ באַזונדער-קאָנסערוואַטיוון אויסדרוק. דאָס בוך „יידישע שרייבער" רוקט, אַגעוו, אַרויס די פֿראַגע וועגן דער ווירקונג פֿון דער העבּרעישער ליטעראַטור אַף שאָלעם-אַלייכעמען. ווען מיר זאָלן אָנהייבן פֿון דעם, וואָס שאָלעם-אַלייכעם ווייזט אָן אַליין, וואָלט מען דאַרפֿן פֿריער פֿאַר אַלץ פֿאַרצייכענען דעם נאָמען ד. פֿרישמאַן. עס איז אָבער קימאַט דער איינציקער פֿאַל, ווען שאָלעם-אַלייכעם רעדט אין אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן וועגן דער ווירקונג פֿון אַ העבּרעישן שרייבער. עס איז מערקווירדיק, וואָס אין „שאָמערס מישפּעט", ווו מיר באַקומען, אַזוי צו זאָגן, די ענציקלאָפּעדיע פֿון שאָלעם-אַלייכעמס ליטעראַטור-קענטעניש און ווו עס פֿיגורירן אַזוי אָדער אַנדערש קימאַט אַלע באַדייטנדיקע נעמען פֿון דער יידישער ליטעראַטור, איז י. ל. גאָרדאָן דער איינציקער, מיט וועמען עס איז דאָ פֿאַרגעשטעלט — און דאָס נאָר דערעך אַגעוו — די העבּרעישע ליטעראַטור. די העבּרעישע ליטעראַטור פֿיגורירט אויך וויניק אין די ביז איצט-באַקאַנטע בריוו שאָלעם-אַלייכעמס (בלויז אין איינעם אַ בריוו דערמאָנט ער מאַפּוס „אהבת ציון" „וואָס מיר און אונדזערע טאַטעס האָבן געלייענט"). דאָס איז באַזונדערס מערקווירדיק, ווען מע נעמט אין אַכט, אַז אין 1889-טן יאָר האָט שאָלעם-אַלייכעם אָנגעהויבן דרוקן אייניקע דערציילונגען אַף העבּרעיש („המליץ" 137, 134, 122) און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (1892) האָט ער גענומען דרוקן אין „המליץ" נומ. 237, 66—263 צוזאַמען מיט י. כ. ראַוויניצקין אונטערן פּסעוודאָנים אלדד ומידד אַ סעריע ביבליאָגראַפֿישע אַרטיקלען.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ערשטע צוויי אַרטיקלען פֿון דער סעריע, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין „המליץ", זיינען געווידמעט ניט וועלכע עס איז וויכטיקע דערשיינונגען פֿון דער העבּרעישער ליטעראַטור. עס רעדט זיך דאָרט וועגן איינעם אַ מוישע וויינבערג און אַ צווייטן, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט אונטערן נאָמען „יהל״ל השני". ביידע האָבן זיי „באַנומען" שאָלעם-אַלייכעמס „יידישע פֿאָלקס-ביבליאָטעק" און עס לאָזט זיך גלויבן, אַז שרייבנדיק וועגן די צוויי העבּרעישע ביכער, איז שאָלעם-אַלייכעם אייגנטלעך אויסן געווען נאָר אַן איבעריק מאָל צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט צו אַ דערשיינונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור—צו דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק".

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף די אַלע פֿאַקטן דערפֿאַר, ווייל דאָס שטעלט פֿאַר אונדז די פֿראַגע וועגן שאָלעם-אַלייכעמס קנאַפּע פֿאַראינטערעסירטקייט אין די גרונט-פּראָבלעמען פֿון דער העבּרעישער ליטעראַטור. דאָס קאָן אָבער נישט אָפּשוואַכן די וויכטיקייט גענוי אויסצופֿאָרשן די ווירקונג, וואָס די העבּרעישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַף שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישן שאַפֿן — אַ פֿראַגע, וואָס איז נאָר אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער פּראָבלעם פֿון ליטעראַרישע ווירקונגען בא דעם יונגן שאָלעם-אַלייכעמען.



אין אייניקע פֿאַלן האָט דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם אַפֿילע געפּרוווט ווערן זיך קעגן אָט דעם דרוק פֿון נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק [1]. דאָס זיינען אָבער געווען גאָר זעלטענע פֿאַלן. פֿיל אָפֿטער זעען מיר, ווי שאָלעם-אַלייכעמען קומט אויס זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגעטיקער פֿונעם „ליטעראַרישן ווערטל". און דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן פּונקט אין שאָלעם-אַלייכעמס יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. די נאַציאָנאַליסטישע אַפּאָלאָגעטיק פֿון די 80-ער יאָרן האָט מער ווי אַלץ געצילט אין איין פּינטל: זי האָט געזאָלט פֿאַראַליזירן דעם קריטיציזם, אַף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן די טראַדיציע פֿון דער האַסקאָלע-ליטעראַטור. מיט דערדאָזיקער טראַדיציע איז אָרגאַניש געווען פֿאַרבונדן — אַלנפֿאַלס אין די 80-ער יאָרן — שאָלעם-אַלייכעמס קוק אַף זיין אייגענעם הומאָריסטישן קונסטשטייגער. איצט האָט עס געהייסן, אַז דער יונגער הומאָריסט דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון זיין רעכט צו לאַכן, פֿונעם „לעצאָנעס", ווי ער האָט דאָס אין די 80-ער יאָרן גענומען אָנרופֿן.

שוין אין 1884-טן יאָר דערציילט שאָלעם-אַלייכעם אין „יידישן פֿאָלקסבלאַט" וועגן די טיינעס, וואָס מע האָט צו אים, שאָלעם-אַלייכעמען. מע זאָגט אים:

„— סטייטש, געוואַלד, אין אַזאַ צייט... אין אַזאַ צייט, ווען קעגן יידן ווערן געמאַכט פּאָגראָמען, שרייבסטו צו מעשוגאָים און שרייבסט פֿון זיי אין גאַזעטן!... פֿאַרוואָס זאָלסטו אין אַזאַ צייט ניט שרייבן פֿון ערנסטע זאַכן?"

און שאָלעם-אַלייכעם גיט דערביי צו פֿון זיך:

„דער יידישער לעזער גלויבט גאָר ניט, אַז שרייבן סאַטירע אָדער הומאָר דאַרף מען אויך קענען, דער ייד רופֿט גאָרניט אָן אַזאַ שרייבן סאַטירע, עס הייסט באַ אים קיין אַנדערן נאָמען, ווי „כויזעק מאַכן", „שפּעטן", לעצאָנעס"... [2]

און אָט דידאָזיקע באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס" הענגט איבער שאָלעם-אַלייכעמען קימאַט ווי פֿון די ערשטע טריט זיינע. וועלכע מיטלען פּרוווט שאָלעם-אַלייכעם ניט אויס, אַבי נאָר אָפּצוּוואַרפֿן אָט די באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס"? [3] אין אַ פֿעליעטאָן אין „יידישן פֿאָלקסבלאַט" פֿון 1887 שרייבט ער:

„עס וווּנדערט מיך נאָר דאָס, וואָס ער (דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „יידישן פֿאָלקסבלאַט" — נ. א.) האָט אין אַלע בילדער פֿון שאָלעם-אַלייכעם געפֿונען נאָר „לעצאָנעס" — און ניט מער. דערויף טוט קלאָגן מיין האַרץ און מיינע געדערים טוען ברומען אַף מיר, וואָס מיין דאָר טוט מיך ניט פֿאַרשטיין און זעט ניט די טרערן אַף מיינע אויגן, ווען איך לאַך און פֿילט ניט מיינע שמערצן, וואָס איך טראָג טיף-טיף אין האַרצן. נאָר פֿאַרבאָרגן,

---

[1] מיר וועלן דאָ אָנווייזן אַף פֿאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. אין איינעם פֿון זיינע בריוו צו דובּאָוון שרייבט שאָלעם-אַלייכעם, אַז ער האָט קיין כיישעק ניט צו דרוקן אין דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק" דעם אַרטיקל פֿון א. קאַלמענסאָן „וואָס זאָגן באַרימטע מענטשן וועגן יידן". קאַלמענסאָנס אַרטיקל איז דורכגעדרונגען מיט „אַטאָבעכאַרטאָנו"-מאָטיוון און דאָס איז, לויט שאָלעם-אַלייכעמס מיינונג, אַ שעדלעכע זאַך. מיר ווייסן ניט, וואָס עס האָט געענטפֿערט דערויף דובּנאָוו, עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז קאַלמענסאָנס אַרטיקל איז נאָכדעם געדרוקט געוואָרן אין דער „יידישער פֿאָלקס-ביבליאָטעק".

[2] פּ״ב 50 №, 1884.

[3] ווי מע האָט אין די 80-ער יאָרן זיך געשראָקן פֿאַר אַזאַ באַשולדיקונג, באַווייזט פֿאָלגנדיקער פֿאַקט. אין 1886 יאָר איז דערשינען מ. ספּעקטאָרס „יודיש", אַ דערציילונג, ווו עס ווערט אין אַ איראָנישן טאָן געשריבן וועגן די דעמאָלטיקע שטרעמונגען אין דער אינטעליגענץ. מ. ספּעקטאָר געפֿינט פֿאַר נייטיק זיך באַוואָרענען מיט אַ ספּעציעלער מאָטאָ:

„לאַכן הייסט ניט כויזעק מאַכן,
לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט".

און ערשט נאָכדעם שרייבט ער אין דער האַקדאָמע צו דעם ווערק:
„וויינען וויל איך, מיין טייערער און ליבער לעזער, וויינען!... ניט פֿאַר דיר, לעזער, וואָס דו לייענסט מיין בוך און זאָגסט דערנאָך: עט, אַ ביכלמאַכער, אַ לעץ, אַ מאַרשאַלעק, אַ גאַזעטשיק, ער קאָן גוט כויזעק מאַכן פֿון יידן" א. אז. וו.

גוט באַהאַלטן, אונטער אַ ווערטל, אונטער אַ שמייכעלע, אַ קאַטאָוועסל א. ד. גל. מאַכמעס וואָס? מאַכמעס דער רעבע האָט געהייסן:

פריילעך זיין
און טרינקען וויין
ביזן ווייסן טאָג אַריין"[1].

ווי גרינג עס איז ניט דער טאָן, ווי פעליעטאָניסטיש עס איז ניט פאַרשלייערט דער גאַנצער עפּיזאָד, סוביעקטיוו פאַר שאָלעם-אַלייכעמען האָבן דאָך געמוזט האָבן אַ גאַנץ מאַמאָשעסדיקן באַטייט די ווערטער: „מיין דאָר טוט מיך ניט פאַרשטיין". דאָס האָט געשטויסן שאָלעם-אלייכעמען ווידער און ווידער צו טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין גלעכטער. זאָל עס דען בעעמעס אָנגענומען ווערן פאַר אידייענלאָזע טרייבערייען, פאַר „לעצאָנעס"? [2]

מיר באַקומען דעריבער נאָך אין זעלבן 1887־טן יאָר שאָלעם-אַלייכעמס „עפּנטלעכע אַנטוואָרט", ווו ער פּרוּווט איבערצייגן דעם לעזער, אַז זיין מוזע איז „אין שוואַרצן געקליידט":

נאָר די מוזע דיזעלבע איז געבליבן מיט מיר,
אַ שוואַרץ קלייד איז אַף איר אָנגעצויגן;
געאַרמט, געבונדן גיי איך מיט איר —
זעט איר טרערן באַ איר אַף די אויגן?
באַם גרעסטן געלעכטער הערט איר אַ געוויין?
אַ זיפץ און אַ קרעכץ פונעם האַרצן?
זי לאַכט אַזוי לאַנג ביז זי צעוויינט זיך אַליין,
מע זאָגט דאָס מאַכט גרינגער די שמערצן..." [3]

מעגלעך, אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט נאָך געקאָנט מיינען מיט דערדאָזיקער „שוואַרץ-געקליידטער" מוזע גאַנץ ערנסט: פאָרט איז דאָך די רעד געווען וועגן דעם, אַז „זי לאַכט אַזוי לאַנג ביז זי צעוויינט זיך אַליין", אָבער דער נאַציאָנאַליסטישער דרוק פונדרויסן האָט אויך דאָס ניט געקענט דערלויבן שאָלעם-אַלייכעמען. מיט איין יאָר שפּעטער האָט דאָך ד"ר י. קאַמינער אינעם אַריינפיר צו שאָלעם-אַלייכעמס „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק" געפאָדערט:

„אין איצטיקער קאַלטער געשיכטע-צייט דאַרף מען אונדזער פאָלק געבן מער וואַרעמס, וואַרעמס פון אַ רעפוע וועגן, צוביסלעך ווייַן אויך. נישקאָשע, מיט וויין — מיט פאַנטאַזיע, מיט פאָעזיע, מיט האָפענונג קאָן מען אַביסל שטאַרקן דאָס שוואַכע פאַרכלינעט האַרץ. היט אייך אָפּ פון קאַלטע מייכאָלים, אייז-קאַלטע קריטיק איבער אַ יידישער זאַך — גאָט זאָל אייך היטן! עס איז ניט די צייט אַצינד. אויך זויערס זאָל ניט קומען אין אייער מאָגן: זויערע סאַטירע איבער אַ יידישער קאַפּאָטע, זויערע וויצן איבער יידישן לימוד, הזהר והשמר, ניט אַצינד! אַפילע אָט די וויַניקע צוקערלעקעך, די רעפאָרמעס מיט די פאָרמעס, ניט אַצינד, ניט אַצינד!.. [4]

1) פ"ב 1887, 33 № פעליעטאָן: „פון ווייטע מעדינעס".

2) אין שאָלעם-אַלייכעם-בוך איז פאַרעפנטלעכט שאָלעם-אַלייכעמס אַ ניט-געדרוקטע רעצענזיע פון 1884, וואָס באַווייזט אונדז זייער בוילעט, ווי שאָלעם-אַלייכעם איז אין יענער צייט געווען באַשעפטיקט מיט דער פּראָבלעם פון סאַטירע און הומאָר (שאָלעם-אַלייכעם-בוך ז. 326).

3) פ"ב 1887, 18 №.

4) „אַ בריוו צום ארויסגעבער", פ"ביב. 1 באנד ז. III.



אַזאַ פּראָגראַם האָט געמוזט אין די 80־ער יאָרן באַקומען אַ באַזונדער באַדייטונג נאָך מער דערפאַר, ווייל זי איז געשריבן געוואָרן פון אַ „מענטשן מיט אַ פאַרגאַנגענהייט" — דעם געוועזענעם סאָציאַליסט — י. קאַמינער. אין דעם „ליטעראַרישן װעלטל", וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגן שאָלעם-אלייכעמען, האָט די פיגור פון „געוועזענעם סאָציאַליסט" פארנומען ניט דאָס לעצטע אָרט. צו דער קאַטעגאָריע „געוועזענע סאָציאַליסטן" האָט געהערט אויך יהל"ל, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק", און אויך מ. ל. ליליענבלום, וואָס האָט, ווי ס'איז צו זען פון שאָלעם-אלייכעמס מעלדונג, אויך געזאָלט נעמען אַן אנטייל אין ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק". קאַמינערס „בריוו צום ארויסגעבער" איז געדרוקט ווי אַ מין פּראָגראַם-אַרטיקל און דערפון איז צו זען, אַז שאָלעם-אלייכעם האָט געהאַלטן דעמאָלט פאר אַ היפשן קאָוועד צו סאָלידאַריזירן זיך מיט אָט דעם „געוועזענעם סאָציאַליסט", וואָס האָט אין דעם אַזאַרט פון „טשוּווע" אָפּגעגעבן די לעצטע פּאָזיציעס פון קריטיציזם, פאַר וועלכע ס'האָט אַזוי שווער געקעמפט אַ גאַנצער דאָר האַסקאָלע-שרייבער.

אין 1888־טן יאָר, ד. ה. דעמאָלט, ווען שאָלעם-אלייכעם האָט זיך דירעקט באַשעפטיקט מיט זיין ראָמאַן „סטעמפעניו", איז אין „יידישן פאָלקסבלאַט" (ביילאַגע צום נומ. 29) דערשינען אַן אַרטיקל פון י. הערדנער (י. לערנער), וואָס האָט געהייסן „לעבעדיקע מייסים". גערעדט האָט זיך אין דעם אַרטיקל וועגן שאָלעם-אלייכעמס „סענדער בלאנק", וואָס איז לויט דעם רעצענזענטס מיינונג געווען פול מיט כעסרוינעס. דעם הויפּט־כיסאָרן וויל י. הערדנער זען דערין, וואָס שאָלעם-אלייכעם פארמעסט זיך אין „סענדער בלאנק" געבן אַ געשטאַלט ענלעך צו אָסטראָווסקיס „קיט-קיטיטש". וועגן דעם שרייבט י. הערדנער פאָלגנדיקס:

„איך ווייס, ניט צי איז ה. שאָלעם-אלייכעם ווייניק באַקאַנט מיט דעם טיפּ „קיט-קיטיטש", וואָס דער באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער אָסטראָווסקי האָט אזוי קינסטלעך אויסגעאַרבעט אין זיינע דראַמאַטישע ווערק. נאָר אויב יאָ, מוז איך אָפן זאָגן, אַז ער האָט זיך דערמיט שטאַרק פאַרזינדיקט, ווייל באַשאַפן יידישע „קיט-קיטיטשעס" הייסט אזוי פיל ווי באַליידיקן דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן, אַ רעכילעס זאָגן אף דער יידישער הויזלעכקייט, וואָס אַפילע די גרעסטע סאָנים זיינען אונדז מעקאַנע דערוף".

י. הערדנער שטעלט זיך ווייטער אָפּ אַף דעם טיפּ „קיט-קיטיטש", ווי ער איז פאָרגעשטעלט בא אָסטראָווסקין, און לאָזט אויס אזוי:

„נו, דאַרף מען נאָך, פרעגט זיך, באווייזן, אַז דאָס יידישע לעבן איז פרעמד פון אַזעלכע דערשיינונגען? ווער ס'קאָן דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן און ווייסט וועלכע פרייהייט און צערטלעכקייט די יידישע פרויען און קינדער געניסן בא זייערע מענער און פאָטערס, דער מוז מוידע זיין, אַז קיין יידישע „קיט-קיטישעס" האָבן מיר ניט".

אין דער ערשט-געבראַכטער ציטאַטע האָבן מיר אַ קלאָרן אויסדרוק פון די פאָדערונגען, וואָס די אַרומיקע ליטעראַרישע סוויווע האָט געשטעלט פאר דעם יונגן שאָלעם-אלייכעמען. דער דרוק פון דרויסן איז געווען שוין צו שטאַרק, אַז שאָלעם-אלייכעם זאָל אים קאָנען בייקומען. און מיר זעען ווירקלעך, ווי שאָלעם-אלייכעם שרייבט אינגיכן אין אַ בריוו צו דובנאָוון פון 1889־טן יאָר:

„בא מיין גאַנצער נויגונג צום פריילעכן הומאָר, פעלט מיר אויס מוט אין דער איצטיקער אונדזערער סאָציאַלער לאַגע צו טרייבן לעצאָנעס, ווער שמועסט, אַז אינעם לעבן, וואָס איך באַשרייב, געפין איך און גראָב אויס אַזעלכע פערל, ווי פערעלע אָדער ראָכעלע אין „סטעמפעניו" [1].

און דערין קאָנען מיר זען אַ מין ענטפער אַף קאַמינערס „בריוו צום אַרויסגעבער". דאָס האָט געזאָלט זיין דער אויסוועג פון שאָלעם-אלייכעמס ספייקעס אין זיינע רעכט צו „לאַכן".

1 .ז 244, Ев. Ст. 1916

וואָס פאַר אַ מאָדנע עוואָלוציע האָבן צום סאָף 80־ער יאָרן דורכגעמאַכט שאָלעם־אלייכעמס קינסטלערישע סימפּאַטיעס! אָנגעהויבן זיך פון דעם פאָלקיסטישן גלויבן אין די פאַרבאָרגענע קויכעס פון דער ברייטער פאָלקס־מאַסע, אַזאַ גלויבן, וואָס האָט זיך דאָך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פונעם קריטיציזם, אַף וועלכן ס'איז דערצויגן געוואָרן די עלטערע האַסקאָלע־ליטעראַטור, קומט שאָלעם־אַלייכעם צו אַזאַ מאָמענט, ווען ער איז מער ניט אימשטאַנד פאַר זיך צו באַרעכטיקן זיין אייגענעם הומאָריסטישן קונסט־שטייגער, ער קומט צום געדאַנק, אַז די קריטישע באַציִונג צום יידישן לעבנשטייגער מוז פאַרשוויגן ווערן און איר אָרט דאַרף פאַרנעמען די אידעאַליזאַציע פון געשטאַלטן און דערשיינונגען אין דער אַרומיקער יידישער סוויווע. איין אָדער שלאָגט נאָר שטאַרק אין דעם יונגן שאָלעם־אלייכעמען — דאָס איז די אינסטינקטיווע איבערגעגעבנקייט צום רעאַליזם. ווי שטאַרק ער איז ניִט אָנגעשראָקן פון די באַשולדיקונגען אין „לעצאָנעס“, ווי פעסט ער איז ניט איבערצייגט אין דעם, אַז די „לעצאָנעס“ (און מאַשמאָעס אויך זיין אייגענער הומאָר, ווי ס'זעט זיך פונעם בריוו צו דובנאָוון) האָט אָפּגעלעבט איר צייט — דעם געבאָט פון רעאַליזם פאַרבלייבט ער דאָך אף ווייטער אויך געטריי.

„אַלעס, וואָס ריכטיק איז — שרייבט שאָלעם־אַלייכעם אין 1888־טן יאָר אין „שאָמערס מישפּעט“ — איז גוט, איז רעאַלנע. און דאָס פאָדערט די עסטעטיק, די פּאָעזיע, די קונסט. אַזוי דאַרף מען שרייבן און באַשרייבן, אַזוי איז מעכויעוו יעדער בעלעטריסט געבן אין זיין ראָמאַן נאָר דאָס, וואָס מעגלעך איז, וואָס אינעם לעבן געפינט זיך, וואָס ס'קאָן זיך געפינען... [1].

דער גלויבן אינעם רעאַליזם איז פאַרבליבן באַ שאָלעם־אַלייכעמען גאַנץ אויך נאָכדעם, ווען דער „נאַציאָנאַל־שמערץ“ האָט געבראָכן אינעם יונגן הומאָריסט דעם גלויבן אין זיינע רעכט צו „לאַכן“. גייענדיק מיטן וועג פון אָט דעם רעאַליזם, האָט שאָלעם־אלייכעם געגלויבט אופצושטעלן דעם ביניען פון „יידישן ראָמאַן“, וואָס האָט אים סאָף 80־ער גענומען שטאַרק באַשעפטיקן. דערמיט איז ער צוגעטראָטן צו שרייבן „סטעמפּעניו“. אָבער דאָ האָבן זיך שוין אָן זיין וויסן דורכגעריסן צום וואָרט גאָר נייע מאָטיוון און טענדענצן. און דאָס גייען מיר אַצינד באַטראַכטן [2].

## VI

„סטעמפּעניו“ איז אַ ווערק, צו וועלכן שאָלעם־אלייכעם איז צוגעגאַנגען נאָך לאַנגע טעאָרעטישע האַכאָנעס. שאָלעם־אלייכעם האָט געשאַפן זיין „סטעמפּעניו“ ניט נאָר מיט אַ „פּלאַן“, ווי ער האָט אליין געזאָגט, נאָר אויך מיט אַ גאַנצער טעאָריע.

די ערשטע שריט צו אַזאַ טעאָריע זעען מיר אין שאָלעם־אלייכעמס בריוו צו דובנאָוון. „סטעמפּעניו“—שרייבט שאָלעם־אַלייכעם—איז מיין ע ר ש ט ע ר ר אָ מ אַ ן, וואָס איך האָב אייך לאַנג געהאַט צוגעזאָגט. „סטעמפּעניו“ איז אַ ווערק אַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש און פון זיין דערפאָלג העגגט אָפּ דאָס גאַנצע ווייטערדיקע מאַזל פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט. פירנעמענדיק זיך דעם געדאנק צו שרייבן אַ יידישן ראָמאַן פאַרן פ אָ ל ק, האָט איך זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים, צום פ אָ ל ק. איך האָב גענומען בא אים זיינע אויסגעצייכנטע לעגענדן וועגן דער-

1 ש. מ. 85.

2 ווי יעדער זעלבשטענדיק קינסטלעריש ווערק, פאַרדינט אויך דער ראָמאַן „סטעמפּעניו“, אַז מ'זאָל קוידעמקאָל אָפּשאַצן זיין אַלגעמיינעם קינסטלערישן ווערט, מיר וועלן אָבער דערמיט דאָ זיך ניט באַשעפטיקן. אין אונדזער איצטיקער אַרבעט, ווו מיר באַטראַכטן די פּראָבלעם פון שאָלעם־אלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג, אינטערעסירט אונדז „סטעמפּעניו“, בלויז ווי דער שיידוועג צווישן שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכן פּעריאָד און זיין רייפערער, קלאַסישער שאַפונג־צייט. דערפאַר גייט עס אונדז ניט אַזוי אינעם אָפּשאַצן דעם אלגעמיינעם קינסטלערישן ווערט פון „סטעמפּעניו“, ווי אינעם געפינען יענע — טיילמאָל נאָר רעלאַטיוו־וויכטיקע — עלעמענטן, פון וועלכע ס'האָט זיך אַנטוויקלט שאָלעם־אלייכעמס שפּעטערדיקע קונסט.



דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישער פערזענלעכקייט“. (קורסיוו בא שאָלעם־אלייכעמען — נ. א.).

שאָלעם־אלייכעם מאַכט אין דעם בריוו דעם ערשטן פּרווו צו דערקלערן זיין קינסטלערישע אופגאַבע אין „סטעמפּעניו“. ווי אַלעמאָל אָבער בא שאָלעם־אלייכעמען, שטעלט ער זיך דערביי ניט אָפּ אַפן האַלבן וועג. און אין אַ צווייטן בריוו אינגיכן שרייבט ער ווידער וועגן „סטעמפּעניו“:

„דאָס איז שוין ניט קיין קאָפּיע פון דער ווירקלעכקייט, נאָר אַ קינסטלעריש בילד, וואָס דערהויבט די ווירקלעכקייט דורך דער באַהעפטונג פון האַרמאָנישע און בוילעטע געשטאַלטן און שטריכן. דאָס איז מיין ערשטער פּרווו צו באַשאַפן אַפן פאָלקס־באָדן עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין. איר וועט דאַרפן אָפּשאַצן, צי האָב איך ריכטיק אָדער ניט ריכטיק אויסגעפילט אָט די קינסטלערישע אופגאַבע... אין די ווייטערדיקע ווערק קער איך זיך אום צו מיין געוויינלעכן זשאַנר — צו דער שילדערונג פון לעבנשטייגער“.

ענדלעך, קומט דער דריטער בריוו, וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט. שאָלעם־אלייכעם דערקלערט דאָרטן, פאַרוואָס ער מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין „פריילעכן הומאָר“ און פאַרוואָס ער זוכט אַזעלכע העלדן, ווי ראָכעלע [1].

אין דידאָזיקע בריוו איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ גאַנצער געדאַנקענגאַנג. מיר וועלן זיך דערווייל נישט אָפּשטעלן אפן טאָך פון דעמדאָזיקן געדאַנקענגאַנג. מיר וועלן פריער זען, ווי אַזוי דער יונגער שאָלעם־אלייכעם מאָלט זיך אויס די פאַרקערפערונג פון זיינע נייע ליטעראַרישע אַנשויונגען.

שאָלעם־אַלייכעם מאָלט זיך אויס, אַז דאָס איז מעגלעך נאָר אין דער פאָרם פון אַ סעריע „יידישע ראָמאַנען“. שאָלעם־אלייכעם שרייבט דאָרטן וועגן „סטעמפּעניו“:

„דאָס איז די ע ר ש ט ע און די ג ר אָ ב ס ט ע מאַדרייגע פון פּאָעזיע: ווער ס'וועט לייענען מיין צווייטן י י ד י ש ן ראָמאַן, דער וועט אַרויסזען, אַז דער צווייטער העלד מיינער „יאָסעלע סאָלאָוויי“ שטייט שוין פיל העכער פון „סטעמפּעניו“ אין אַסאַך אויפאַנים און יענער דריטער העראָי, דער עמעסער פּאָעט, וואָס איז נאָך בא מיר בעמאַכשאָווע פאַר מיין ד ר י ט ן י י ד י ש ן ר אָ מ אַ ן, באַדאַרף זיין נאַטירלעך אַסאַך העכער פון יאָסעלען כהנה וכהנה. דערפון איז גרינג אַרויסצוזען, אַז שרייבנדיק מיינע ראָמאַנען, האָב איך עפּעס אַ מ יי ן ד ר י נ ע ן; איך האָב מיר פריער אָנגעצייכנט אַ וועג, אָנגעגרייט אַ פּלאַן צו גיין אַלץ ווייטער און ווייטער [2].

מיר באַגעגענען זיך דאָ מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער דערשיינונג. דער יונגער שאָלעם־אלייכעם, וואָס האָט ניט לאַנג ערשט געשריבן, אַז נאָך דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו“ קערט ער זיך אום צו זיין געוויינלעכן זשאַנר, — דער שילדערונג פון לעבנשטייגער, באמיט זיך שוין איצט אינעם נאָכוואָרט צו „סטעמפּעניו“ דערווייזן, אַז דער וועג, וואָס ער האָט באַטראָטן אין „סטעמפּעניו“ („עפּעס העכסט שיינס פון פאַנטאַסטישן מין“), איז ניט קיין דערוויליקער, דאָס איז ביכלאַל יענער וועג, וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט אַף „צו גיין אַלץ ווייטער און ווייטער“.

אין וואָס־זשע באַשטייט דער וועזן פונעם „יידישן ראָמאַן“, מיט וועלכן שאָלעם־אַלייכעם וויל פאַרבינדן זיין ווייטערדיקן ליטעראַרישן וועג?

ווען מ'פּרווט פאַרסאַכאַקלען דאָס, וואָס שאָלעם־אלייכעם זאָגט אין זיינע בריוו, אינעם פאָרוואָרט און אין „נאָכוואָרט“ צו „סטעמפּעניו“, באַקומט זיך אַ גאַנץ ווידערשפּרעכיקער ענטפער אַף דער ערשט־געשטעלטער פראַגע. שאָלעם־אלייכעמען איז גאַנץ שווער צו פאָר-

1 ז. 252—234 Ев. Ст. 1916 די בריוו זיינען געשריבן אף רוסיש.

2 „נאכוואָרט“ ז. 308.

אין דער שילדערונג פון סטעמפעניו, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך געווען אַ „לא יבא בקהל" אין מאַזעפעווקע, אַזוי ווייט ניט געגאַנגען. ער האָט נאָר באַוויזן מיט זיין גרויסער אינטואיציע צו געפינען אין דער יידישער מאַסע אַזאַ געשטאַלט, ווי סטעמפעניו, פאַרקערפערן זי אין דער פולער מאָס האָט זיך דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען נאָך ניט איינגעגעבן. די באָוואַטאַרישקייט, וואָס האָט געשטעקט אין דער אידייע צו נעמען אַ העלד פון „המוין־אַם", איז, קאָנטיק, געווען נאָך איבער די קויכעס פאַר דער יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. באַ זיינע דעמאָלטיקע ראָמאַנטישע שטימונגען האָט זיך שאָלעם־אַלייכעמען געדאַכט, אַז זיין צוגאַנג צו סטעמפעניו דאַרף זיך האַלטן אַף באַגייסטערונג, באַוווּנדערונג, מיט איינעם וואָרט, באַ דער אידעאַליזאַציע פון סטעמפעניון, דעם „יידישן פאַגאַניני", ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט אים שפּעטער געוואָלט אַ נאָמען געבן. שאָלעם־אַלייכעם האָט אין אַזאַ טאָן פון אידעאַליזאַציע בענומען שילדערן סטעמפעניון. ער האָט אים געגעבן „שוואַרצע ברענענדיקע אויגן", אַ „לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע", אַ „ליכטיק פּאָנים", וואָס האָבן געדאַרפט שטימען מיט זיינע „קישעפדיקע געזאַנגען און וווּנדערלעכע מעלאָדיען", אָבער שוין גאָר גיך נאָך אין אָנהייב פונעם ראָמאַן הייבט זיך אָן ברעכן שאָלעם־אַלייכעמס טאָן אין דער שילדערונג פון סטעמפעניו. שאָלעם־אַלייכעם האַלט זיך ניט איין באַ דער אופאַסונג פון אידעאַליזאַציע. שאָלעם־אַלייכעמס איינגעבוירענער הומאָר מאַכט כאָרעוו די געפּלאַנטע אידעאַליזאַציע פון סטעמפעניון, רייסט אַרונטער דעם פּאַטעטישן טאָן.

צוגיין צו סטעמפעניון, דעם העלד פון „המוין־אַם", אַזוי ווי ער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו טעוויען דעם מילכיקן, קאָן נאָך דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם ניט. ער קאָן נאָך ניט געפינען דעם קינסטלערישן אויסדרוק פאַר יענער באַזונדערער אַרט העלדישקייט פון „פּאָשעטע, גאָר געוויינלעכע מענטשלעך", וואָס קאָן זיך אַרויסווייזן אין טאָגטעגלעכן האַנדלען און וואַנדלען, אין אויסערלעך־אומבאַמערקטע מייַסים. דער כאַראַקטער פון אַ פאָלקסמענטשן, אַ מאַסנמענטש, איז נאָך מיט זיבן שלייערן פאַרשטעלט פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעם קאָן פון זיין סטעמפעניו ניט מאַכן עפּעס מער, ווי אַ כאַסענע־העלד, אַ געגנטלעכן, אַזוי צו זאָגן, עטנאָגראַפישן העלד. און אַלס אַזעלכער טרעט אַרויס די געשטאַלט פון סטעמפעניו אינעם ראָמאַן. דידאָזיקע געשטאַלט פירט אָן מיט דער האַנדלונג פונעם ראָמאַן, זי פירט אַריין אינעם ראָמאַן דעם מאָטיוו פון ראָכעלעס קאָנפליקט מיט דער נעגידיש־באַלעבאַטישער סוויווע — סטעמפעניו אַליין ווערט אָבער ניט די פאַרקערפערונג פון די אַלע מאָטיוון, וואָס זיינען אין שאָלעם־אַלייכעמס פאָרשטעלונג פאַרבונדן געוואָרן מיט דער סטעמפעניו־געשטאַלט. און דאָך האָט די געשטאַלט פון דעם קלעזמער סטעמפעניו אַף אַ נייעם אויפן באַלויכטן שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם, וואָס האָט זיינע ערשטע ראָמאַנען געווידמעט דער שילדערונג פון דער יידישער בורזשואַזיע, האָט אין „סטעמפעניו" געמאַכט דעם אַנטשלאָסענעם שריט צו דער ברייטער שילדערונג פונעם יידישן מאַסן־לעבן, אַ שריט צו דער געשטאַלט פונעם פאָלקס־מענטש, דעם מאַסנמענטש. אַוועקגייענדיק פון דער סוויווע פון די „יידישע קיט־קיטישעס" מיט דעם פּראָטעסט־מאָטיוו, וואָס האָט געקלונגען אין „סענדער בלאַנק", האָט שאָלעם־אַלייכעם גלייכצייטיק געווענדט זיין אופמערקזאַמקייט צו דעם „האַמוין־אַם", ווו ער האָט פאַרנומען דעם לעבעדיקן אָפּקלאַנג אַף זיין פּראָטעסט קעגן די „קיט־קיטישעס". אין זיין באַציִונג צום העלד פון „האַמוין־אַם" האָט שאָלעם־אַלייכעם נאָך ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון יענע וואַקלענישן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע קינסטלערישע אַנטוויקלונג פון די 80־ער יאָרן. אָבער די שילדערונג פון דעם קלעזמער סטעמפעניו האָט באַוויזן, אַז שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן אָנטאַפּן דעם קאָנטאַקט מיט די שאַפנדיקע קויכעס פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, אַ מאָמענט, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער אויסגאַנג־פונקט פון שאָלעם־אַלייכעמס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.



געפינענדיק זיך אונטערן היפּנאָז פון מענדעלעס „יידישער טאָרבע" — פון איין זייט, אונטערן דרוק פון דער נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק פונעם אַרומיקן „ליטעראַרישן וועלטל" — פון דער צווייטער זייט, אָנטאַפּן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די פאַרבאָרגענע שאַפנדיקע קויכעס, וואָס געפינען זיך „אַפן דעק" פון דער פאָלקס־מאַסע — דאָס האָט געהייסן געפינען די קינסטלערישע האַשלאָמע פון יענעם ליבעראַלן פאָלקיזם, וואָס האָט — מיט פאַרשיידענע איבערשלאָגן — אָנגעפירט מיט שאָלעם־אַלייכעמס גאַנצער יוגנטלעכער אַנטוויקלונג. און דאָס גופע האָט געקענט שוין באַשטימען דעם ווערט און די באַדייטונג פונעם ראָמאַן „סטעמפעניו".

## IX

מיט דער צווייטער הויפּט־געשטאַלט פון „סטעמפעניו" — מיט ראָכעלען — האָט שאָלעם אַלייכעם אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן נאָך גאָר פרי, אין 1884 יאָר, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט אין „יידישן פאָלקסבלאַט" אַ ליד אונטערן נאָמען „אַ יידישע טאָכטער"[1]. ווי דאָס ראָוו שאָלעם־אַלייכעמס לידער, איז עס אַ דערציילערישע ליד און אינעם גאַנג פון דער ליד הערן מיר:

איך געדיינק דיין געוויין, דיינע ביטערע טרערן,
(כאָטש פון מיר האָסטו דאָך זיי טאָמיד פאַרבאָרגן...)
קיינער האָט ניט געוואָלט דיינע טיינעס אויסהערן:
אַלע האָבן געוואָלט דיין טאַכלעס פאַרזאָרגן !...
צי דו ווילסט האָבן אַ מאַן אַ גוטן צי אַ שלעכטן —
דאָס האָבן דיינע עלטערן ניט געוואָלט קלערן:
דיין פאָטער האָט געזוכט אַ מעכוטן אַ רעכטן,
און דיין מוטער האָט געוואָלט אַ שוויגער שוין ווערן.
איינגעטונקען אין ייִכעס איז דיין מענדל געווען,
ראַבאָנים, שיינע יידן אין זיין מישפּאָכע אָן אַ שיר;
און פרום איז ער געווען — עס זאָל גאָרניט געשען !
אַ קיילעכיק יאָר האָט ער גאָרניט גערעדט מיט דיר ![2]

מיר האָבן פאַר זיך אין דעם געבראַכטן פראַגמענט אַ רעאַליסטיש געמעל, וואָס נעמט אַרום אַ גאַנצע ריי שטריכן פון ראָכעלעס סוויווע אין „סטעמפעניו". מע קאָן אויך אָננעמען, אַז פון דעם „מענדל", וואָס ווערט אין דעם ליד דערמאָנט, איז מיט געוויסע אומענדערונ־

1 שאָלעם־אַלייכעמס ליד „די יידישע טאָכטער" איז, קאָנטיק, געשריבן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון י. ל. גאָרדאָנס „קוצו של יוד". דער אינטערעס צו דער „יידישער טאָכטער" איז אָבער געווען זייער פאַרשפּרייט אויך צווישן די ייִנגערע שרייבער, ווי ספּעקטאָר און פּערעץ. מ. ספּעקטאָר האָט ניט אופגעהערט ווענן דעם צו דערמאָנען אין זיינע ערשטע ראָמאַנען. אין זיין „יידישן מוזשיק" האָבן מיר די העלדן — ראָכעלע די קראַסאַוויצע, וואָס פיגורירט אין אַ קאַפּיטל מיטן נאָמען: „אַן אומגליקלעך באַשעפעניש". אין ראָמאַן „יידישע טעכטער", וואָס האָט זיך געדרוקט גלייכצייטיק מיט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפעניו", שרייבט ספּעקטאָר וועגן זיינע העלדנס:

„צו 18 יאָר זיינען די צוויי כאַווערטעס אַלט געווען. 18 יאָר זיינען זיי אין טורמע געזעסן. זייערע כסידישע פרומע עלטערן — די שטרענגע טשינאָווניקעס, גאָטס סטראַפּטשעס, האָבן זיי אין גאַנצע 18 יאָר צו איין קאַפּ פרישע לופט קיינמאָל צוגעלאָזט". (הויז־פריינד I באַנד ז. 16).

אויך פּערעץ האָט ניט פאַרגעסן אין זעלבן יאָר, ווען עס איז דערשינען „סטעמפעניו", אין זיין פּאָעמע „מאָניש" צו דערמאָנען מיט עטלעכע שורעס די „יידישע טעכטער". פּערעצעס דערציילונג „אין דיליזשאַנס" (1891) איז שוין געווען דורכויס געווידמעט דער לאַגע פון דער יידישער פרוי און דאָ זעט מען שוין אַ גאַנץ קענטלעכע ווירקונג פון שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפעניו".

2 „ייד. פ. ב." 1884, נומ. 42.

„סטעמפעניו“ איז דאָס ערשטע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמס יוגנטלעכן פעריאָד, ווו די פראַקטיק פון קינסטלערישן שאַפן גייט אַרויס פון די ראַמען פון אַ „גליקלעכן צופאַל“ און שטרעבט שוין דאָ און דאָרט זיך דערהייבן צו אַ מאַדרייגע פון אַ פרינציפ, אַ מין געזעץ פון שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישן שטייגער. אין „סטעמפעניו“ פילט זיך פלאַנירונג, די ליניען פונעם קינסטלערישן געבײַ זיינען געמאָסטן געוואָרן, ווי מיט אַ צירקול אין די הענט, און אין דידאָזיקע ליניען וויל שאָלעם־אַלייכעם אומבאַדינגט אַריינפרעסן דעם גאַנצן קינסטלערישן שטאָף. דערבײַ זעט מען, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז גרייט זיך אָפצוזאָגן פון דעם אָדער יענעם עפיזאָד, אָפטמאָל פון אַ גאַנצער ריי עפיזאָדן, אַבי נאָר פאַרהיטן די אינערלעכע גאַנצקייט פונעם ווערק. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס האָט גלייך באַם דערשיינען פון „סטעמפעניו“ באַמערקט די קריטיק. שרייבנדיק אין 1889 יאָר וועגן „סטעמפעניו“, האָט קריטיקוס (ש. דובנאָוו) צום סאָף פון זיין רעצענזיע אין אַ גאַנץ קאַטעגאָריש טאָן געפאָדערט, אַז אין דעם ראָמאַן זאָל אַריינגעפירט ווערן „וואָס מער עפיזאָדן און לעבנשטייגער־פראָטים“[1]. שאָלעם־אַלייכעם איז אָבער אַף דעם ניט איינגעגאַנגען. ער האָט אויך שפעטער, ווען עס איז אים אין 1903־טן יאָר אויסגעקומען צו באַאַרבעטן „סטעמפעניו“, ניט פאַרמערט די צאָל עפיזאָדן, נאָר פאַרקערט, נאָך מער געקירצט, געפרעסט און געבונדן דאָס, וואָס אין „סטעמפעניו“ איז פאַראַנען. דאָס איז אָבער אין קיין שום פאַל נישט געווען קיין סטירע צום ערשטן אָנפאַנגלעכן פלאַן פון „סטעמפעניו“. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ נאָר פאָרגעזעצט ווייטער די טענדענץ, וואָס איז געלעגן אין גרונט פון זיין יוגנטלעכן „סטעמפעניו“. פונוואַנען־זשע האָט זיך גענומען דידאָזיקע טענדענץ אין 1888־טן יאָר און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט זי געהאַט פאַר שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג, אינגאַנצן גענומען?

צווייערליי מוסטערן פון יידישן דערציילערישן זשאַנר האָבן אין דער צייט פון „סטעמפעניו“ געקאָנט שטיין פאַר שאָלעם־אַלייכעמס אויגן: פון איין זייט דער מוסטער פון די־בעזאָנען און ספעקטאָרן, וואָס האָבן לעפאָנים זיך געהאַלטן אין די ראַמען פון „ראָמאַן“ און דערמיט געזאָלט זיין נאָענט צו יענעם טיפ פון אַ ווערק, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געוואָלט געבן אין „סטעמפעניו“; פון דער צווייטער זייט מענדעלעס ווערק (די, וואָס זיינען דערשינען ערעוו די 80־ער יאָרן), וואָס האָבן איגנאָרירט די געזעצן פונעם אָנגענומענעם ראָמאַן־שטייגער, און האָבן דאָסראָוו זיך געהאַלטן באַ דעם גאַנץ־אומבאַשטימטן זשאַנר פון אַ „לעבנס־באַשרייבונג“.

דער דערציילערישער זשאַנר פון מענדעלעס „לעבנס־באַשרייבונג“[2], ווו ס'פילט זיך נאָר קאַם־קאַם די אַנטוויקלונג פון אַ לעבעדיקער האַנדלונג, האָט אַמבעסטן געשטימט מיט מענדעלעס אויפאַסונג פון דער יידישער ווירקלעכקייט. וואָרעם: אויב אונטער האַנדלונג ווערט שטענדיק פאַרשטאַנען דאָס, וואָס געשעט, דאָס, וואָס קומט פאָר, ווערט מענדעלעס האַנדלונג אַלעמאָל דערשטיקט פון דעם באַוווסטזיין, אַז אין דער יידישער סוויווע געשעט גאָרניט, ס'קומט גאָרניט פאָר. מענדעלעס שטרעבן אַריינצוטראָגן האַנדלונג אין זיין ווערק ווערט פאַראַליזירט פון דעם געדאַנק, אַז ס'איז ניטאָ קיין נייס אונטער... דער „יידישער טאָרבע“...

די ראָמאַנען, וואָס ס'האָבן שפעטער געשריבן דינעזאָן און באַזונדערס ספעקטאָר מיט שאָלעם־אַלייכעמען, ברענגען טאַקע די ערשטע בסורע, אַז עפעס „קומט פאָר“ אין יידישן

1 ז. 28 VII/1889. B.

2 ענלעך ווי באַ מענדעלען, אַנטוויקלט זיך די „לעבנס־באַשרייבונג“ אויך באַ לינעצקין אין „פויליש יינגל“. מיר ווילן דאָ אָנווייזן נאָך אַף אַ טיפישן מוסטער פון אַ „לעבנס־באַשרייבונג“, וואָס איז ביז אַהער, ליידער, געווען ווייניק באַקאַנט. דאָס איז דאָס אַנאָנימע ביכל „דער פאַרבלאָנזעטער אָדער דאָס לעבנס־באַשרייבונג פון ווינגדערל בען ווינגדערל“, וואָס איז דערשינען 1870 אין וואַרשע (אַרויסגעגעבן פון יויעל מיכל קופערמאַן המכונה פלמ"ן). זע וועגן דעם אין מיין אַרבעט: „מענדעלעס מיטגייער אין די 70-ער יאָרן“.



לעבן פון סאָף 70 און אָנהייב 80־ער יאָרן. ניט אומזיסט האָט דעמאָלט מ. ספעקטאָר, וועלנדיק באַווייזן די באַדייטנדיקייט פון זיין צייט, געשריבן:

„ניט נאָר צווישן די מענטשן איז דאָ אַ גרויסער כילעק, נאָר אַפילע צווישן יאָרן. ס'זיינען דאָ אַזוינע יאָרן, אין וועלכע ס'קומען פאָר אַף דער וועלט מיט מענטשן, פעלקער, לענדער אַזוינע נייסן, אַזוינע איבערקערעניש, אַז מ'קאָן קימאַט זאָגן, אַז אַדאַנק די און די יאָרן איז די וועלט געוואָרן גאָר אַ נייע וועלט. ווידער זיינען דאָ אַזוינע פוסטע יאָרן (אַזוי ווי פוסטע מענטשן), וואָס ברענגען גאָרנישט און מ'האָט פון זיי מער ניט געזען ווי קאַלטע, וואַרעמע, שיינע און מיעסע טעג“[1]. מ. ספעקטאָר האָט דערבײַ געשטרעבט צו דערווייזן, אַז זיין צייט איז בעשום אויפן ניט די צייט פון „פוסטע יאָרן“. און דערין איז ווירקלעך געווען אַ שטיק עמעס. דער פאַקט גופע, וואָס ניט געקוקט אַף זייער ווידער־ווילן צו שאָמערס ראָמאַנען, האָבן דאָך אי ספעקטאָר, אי שאָלעם־אַלייכעם געמוזט אָנעמען דעם טיפ פון אַ ראָמאַן מיט „העלדן“ און מיט אינטענסיווע געשעענישן, — דאָס אַליין האָט געזאָגט איידעס, אַז עפעס „קומט פאָר“ אין דער אַרומיקייט[2]. דער ניי־איינגעפירטער טיפ פון אַ ראָמאַן האָט דערציילט וועגן דעם, אַז ס'פאַרשטאַרקן זיך אין דער יידישער סוויווע יענע פראָצעסן, ווען די סאָציאַלע ענערגיע פון מער־ווייניקער דיפערענצירטע שיכטן הייבט אָן זיך אַקומולירן אין באַשטימטע פיגורן, אויסגעשפראָכענע אינדיווידוומס. און אין העסקעם מיט אָט די פראָצעסן האָט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם פלאַנירט די קאָמפאָזיציע פון „סטעמפעניו“. שאָלעם־אַלייכעמס קאָמפאָזיציע האָט שוין דערמיט גופע געמוזט אונטערשיידן זיך פון מענדעלעס „לעבנס־באַשרייבונג“, וואָס דאָ, באַ שאָלעם־אַלייכעמען, האָבן מיר פריער פאַר אַלץ צוויי הויפט־העלדן — פאָרשטייער פון פאַרשיידענע שיכטן — וואָס פון זייער דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס שאַפט זיך די האַנדלונג פונעם ראָמאַן „סטעמפעניו“[3]. צווישן די „לעבנס־באַשרייבונגען“ פון דידאָזיקע צוויי הויפט־העלדן — ראָכעלע און סטעמפעניו — מוז איינגעהיט ווערן אַ שטענדיקער גלייכגעוויכט, אַזאַ מין פאַרהעלטעניש, וואָס זאָל באַווייזן דעם לעזער, ווי נאַטירלעך, ניט געצוווּנגענערהייט ס'אַנטוויקלט זיך דאָס לעבן פון יעדן איינציקן העלד באַזונדער און ווי אומפאַרמיידלעך זיי גייען צו יענער קאָליזיע, וואָס אַנטשטייט פון זייער געוויינטלעכן רעאַלן לעבן. שאָלעם־אַלייכעם האָט אומבאַדינגט געוואָלט איינהיטן דידאָזיקע רעאַלע פאַרהעלטעניש צווישן ראָכעלען און סטעמפעניו. דאָס האָט געפאָדערט פון שאָלעם־אַלייכעמען סיי זיין איבערגעגעבנקייט צו רעאַליזם, סיי דער ווידערווילן צו די אומגעלומפערטע אויסטראַכטענישן פון שאָמערס ראָמאַנען. אָבער דאָס האָט געפאָדערט, אַז די קאָמפאָזיציע פון „סטעמפעניו“ זאָל געבויט ווערן אַף אַ נייעם אויפן, און שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך ווירקלעך מיט גרויס מייסטערשאַפט איינגעגעבן צו געפינען אַזאַ קאָמפאָזיציאָנעלע פאָרם פאַר זיין ראָמאַן „סטעמפעניו“. די קאָמפאָזיציע איז דאָ געבויט אַף אַ שטרענג־אויסגערעכנטער סימעטריע צווישן די באַזונדערע „לעבנס־באַשרייבונגען“. לעפאָנים באַשטייט דער ראָמאַן פון איין גאַנצן שטיק. אינדערעמעסן אָבער איז גרינג צו

1 מ. ספעקטאָר. „דער יידישער מוזשיק“, אויסגאַבע 1921, ז. 199

2 מיר האָבן דאָ ניט די מעגלעכקייט זיך אָפצושטעלן אַף דעם עצעם פון דער אַזויגערופענער שאָמער-פראָבלעם. דאָס וואָלט געפאָדערט פון אונדז אַ גענויערן אַנאַליז פון איינִיקע ליטעראַטור-דערשיינונגען, וואָס געהערן מער צו די 70-ער יאָרן. מיר ווילן דאָ נאָר אָנווייזן, אַז ס'איז שוין צייט די שאָמער-פראָבלעם זאָל אויפהערן באַטראַכט ווערן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט שאָלעם-אַלייכעמס שאַפן. דאָס איז אַ פראָבלעם, וואָס האָט אַ שייכעס צו אַ גאַנצן ליטעראַטור-פעריאָד (דאָס האָט פאַרשטאַנען שוין דער יונגער שאָלעם-אַלייכעם בעייס ער האָט געשריבן זיין „שאָמערס מישפעט“)

3 אין „פישקע דעם קרומען“, ווו מענדעלע האָט שוין געהאַט געפרוווט געבן צוויי העלדן—פישקען און דאָס האָרבאַטע מיידל—זיינען עס דאָך געווען צוויי פיגורן פון איין און דערזעלבער סאָציאַלער שיכט. די שילדערונג האָט זיך געהאַלטן אַף דער עלעמענטאַרער אַנאַלאָגיע פון די לעבנספאַקטן, און צו קיין ברייט-אַנטוויקלטער „האַנדלונג“ איז אויך דאָס מאָל באַ מענדעלען ניט געקומען.

הויפּט־העלדן, האָט די קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" פון די קורצע קאַפּיטלעך געוווּנען די גרעסטע פרייהייט און עלאַסטישקייט. דידאָזיקע קורצע קאַפּיטלעך זיינען אָבער געווען אונטערגעוואָרפן דער איינהייטלעכער דראַמאַטישער קאָליזיע פונעם גאַנצן ווערק, און דאָס האָט געהאָלפן, אַז „סטעמפּעניו" זאָל שאַפן דעם איינדרוק פון אַ שטייפן און פאַרגאַנצטן מייסטערווערק — דעם ערשטן ראָמאַן מיט אַ שטרענגער, אויסגעהאַלטענער קאָמפּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור.

## XI

די שטייפע קאָמפּאָזיציע פון „סטעמפּעניו" האָט איידעס געזאָגט, אַז ס'ווערט ביכלאַל מער פאַרשטייפט און דיסציפּלינירט שאָלעם־אַלייכעמס קונסט, זיין אַרט שילדערן און דערציילן. און, ווי אַלי־מאָל באַ שאָלעם־אַלייכעמען, האָט אויך דידאָזיקע נייע ווענדונג פריער פאַר אַלץ זיך אָפּגעשפּיגלט אַף דעם כאַראַקטער פון זיין הומאָר.

מיר ווייסן, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען אין דער צייט פון „סטעמפּעניו" צו פעסטן באַשלוס: אופהערן „אָפּלאַכן" פון יידישן לעבן. אָבער שוין אין אָנהייב פונעם ראָמאַן, ווו די דיסטאַנץ צווישן ראָכעלען און איר סוויווע הייבט אָן אַרויסטרעטן דייטלעך און קלאָר, קאָן שאָלעם־אַלייכעם ניט פאַרמאַכן די אויגן אף די „קליינע מענטשעלעך און די קליינע האַסאָגעס", וואָס רינגלען אַרום זיין הויפּט־העלדן, ס'קומט דערצו, אַז די שילדערונג פון ראָכעלען ווערט דער אויסגאַנג־פּונקט פון שאָלעם־אַלייכעמס קריטיש־הומאָריסטישער באַציִונג צו מאַזעפּעווקע. אויב שאָלעם־אַלייכעם האָט פריער געקאָנט מוירע האָבן פאַר דער באַשולדיקונג אין „לעצאָנעס" אָדער אין „אייזקאַלטער קריטיק", איז איצט אין דער באַגאַבטקייט פון ראָכעלעס נאַטור און איר אויסדערוויילטקייט צווישן די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס" געפונען געוואָרן אַ נייע באַרעכטיקונג פאַר שאָלעם־אַלייכעמס הומאָריסטישן צוגאַנג צום מאַזעפּעווקער לעבנשטייגער. אָבער דאָס גופע האָט שוין אויך באַטייט, אַז שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר מוז אין „סטעמפּעניו" דורכמאַכן אַ נייע ווענדונג. ביז „סטעמפּעניו" האָט שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר גאַנץ אָפּט צוזאַמענגעלעבט מיטן פּעליעטאָניסטישן נוסעך. אין שאָלעם־אַלייכעמס ערשטע ווערק האָט דאָס פּעליעטאָניסטישע גאַנץ אָפּט גערעדט ניט נאָר פונעם טעקסט גופע, נאָר אויך צווישן די שורעס[1]. דאָס האָט זיך געמערקט אויך אין די ראָמאַנען („סענדער בלאַנק", „קינדער־שפּיל"). „סטעמפּעניו" איז קימאַט פריי פון דעמדאָזיקן פּעליעטאָניסטישן בייגעמיש. דאָס באַטייט ניט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ „ערנסטן" שרייבער, וואָס זאָל דערשטיקן אין זיך די שטים פון זיין „פריילעכן הומאָר". פאַרקערט, שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו" געלאָזט הערן די שטים פון זיין געמיט מער ווי אומעטום. ער האָט זיך דאָ דערלויבט פיל פרייע ווענדונגען (צום לעזער, צו דער „יידישער טאָכטער", צו סטעמפּעניון, צו זיך אַליין), אָבער די ווענדונגען זיינען דאָסמאָל ניט געווען אַזוי וויליונגעריש, „זאַפּאַניבראַטיש" און אויבערפלעכלעך, ווי אין פיל פון זיינע פריערדיקע ווערק[2]. זיי האָבן אופגעהערט צו זיין פּעליעטאָניסטיש, זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן אימפּרעסיאָניסטיש. אַזעלכע ווענדונגען האָט שאָלעם־אַלייכעם אַריינגעפירט אין „סטעמפּעניו" גאַנץ פיל, זיי

1 אין די 80-ער יאָרן האָט נאָך שאָלעם-אַלייכעם אַליין ניט אופגעהערט צו רעדן וועגן זיך, ווי וועגן אַ פּעליעטאָניסט. זע, לעמאָשל, אין פ״ב 1888 № 3.

2 אין אַ פּאָר ערטער פון „סטעמפּעניו" איז דאָך פאַרבליבן אַ קענטלעכער שפּור פון דעם פּעליעטאָניסטישן נוסעך: לעמאָשל, אין דעם קאַפּיטל „דאָס פייער ברענט" (אין דער צווייטער אופלאַגע: „די שווערע נאַכט"), ווו שאָלעם-אַלייכעם באַשרייבט דעם איינדרוק פון סטעמפּעניוס שפּילן אינמיטן דער נאַכט. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז דערדאָזיקער טאָן רייסט זיך דורך אין אַ נאַטור-שילדערונג. שאָלעם-אַלייכעם האָט, ווי באַוווּסט, נאָך פיל יאָר שפּעטער געפּיקט זיך אומבאַהאָלפן אין די נאַטור-שילדערונגען.



האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט פריי צו „מאַנעווּרירן" מיט עפּיזאָדן בילדער און געשטאַלטן. און שאָלעם־אַלייכעם האָט אין „סטעמפּעניו" ווירקלעך אָפּטמאָל געמוזט „מאַנעווּרירן". ער איז דערצו געצוווּנגען געווען דורך דעם, וואָס אין טעקסט פון „סטעמפּעניו" איז פאַראַן היפּש עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס וואָלט באַ אַן אַנדער קינסטלער געקענט דריקן אַף דעם גאַנג פון דער האַנדלונג. און אָט דאָס ראַנגלען זיך מיטן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל איז איינער פון די כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אין דעם שאַפן פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען.

מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז איינהיטן זיך פון עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל אין אַ קינסטלערישן ווערק איז אין די 80־ער יאָרן געווען נאָך גאַנץ שווער. ס'איז נאָך פאַר די אויגן דעמאָלט געשטאַנען דער מוסטער פון מענדעלעס ערשטע ווערק, ווו דאָס עטנאָגראַפישע האָט נאָך פאַרנומען אַזאַ אָנגעזעען אָרט. דערצו האָט אין דעם ראָמאַן „סטעמפּעניו" דאָס עטנאָגראַפישע געקענט באַרעכטיקט ווערן אויך דורך דעם, וואָס דאָס ווערק האָט געזאָלט, ווי שאָלעם־אַלייכעם ווייזט אָן, געבויט ווערן אַף די „אויסגעצייכנטע לעגענדן", וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געהערט אין פאָלק וועגן דעם קלעזמער סטעמפּעניו. ס'איז געווען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנטיש־באַפאַרבטן פאָלקיזם פון די 80־ער יאָרן — אָנצוהייבן בויען אַ ראָמאַן אַפן גרונט פון פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל. אָבער דאָס האָט געשטויסן דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעריסן פון איין געפאַר — פונעם פּעליעטאָניסטישן נוסעך, צו אַ צווייטער געפאַר — צו דעם עטנאָגראַפישן נוסעך[1]. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ און דאָרט זיך געראַטעוועט פון עטנאָגראַפישקייט דורך די לירישע ווענדונגען. אָבער דערמיט גיווער זיין די עטנאָגראַפישקייט האָט מען ניט געקענט. און שאָלעם־אַלייכעם קומט דעמאָלט אָן צו זיין שטאַרקסטן געווער — צום פאַרשאַרפטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז.

דאָס ערשטע געבאָט פון שאָלעם־אַלייכעמס פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז איז די שטרענגע אינדיווידואַליזאַציע. פאַרקערפּערט ווערט דאָס אַפן בוילעטסטן אויפן אין דער שילדערונג פון ראָכעלעס געשטאַלט. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין דער שילדערונג פון ראָכעלען האָט זיך די אייגנאַרטיקייט אַלעמאָל אָנגעהויבן פון דעם, וואָס די באַגאַבטע ליידנשאַפטלעכע נאַטור ווערט אַנטפּלעקט אין אַ געוויינטלעכער דורכשניטלעכער פרוי, אַ „ווייבל פון טייטש־כומעש", ווי שאָלעם־אַלייכעם רופט זי אָן. שאָלעם־אַלייכעם אָבער געפינט דאַפקע פאַר אָט דעם „ווייבל פון טייטש־כומעש" די געהעריקע שפּראַך פון טיפע און פאַרוויקלטע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען. שאָלעם־אַלייכעם הייבט אָן — דער ערשטער — איינפירן דעם מעטאָד צו איבערגעבן פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען מיט דער שפּראַך פון פאַרשפּיצטער רעפלעקסיע — אַ מעטאָד, וואָס איז נאָכדעם אַזוי ברייט אַנטוויקלט געוואָרן באַ ד. בערגעלסאָנען. ראָכעלעס איבערלעבונג קומט אַלעמאָל ווי אַ „מאַכשאָווע", אָבער ווי רייך און פילפאַרביק ווערט באַ שאָלעם־אַלייכעמען דער פּסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון אָט דער „מאַכשאָווע". אין פלוג, באַטייט דידאָזיקע „מאַכשאָווע" שוין אַ דערוואַכונג־מאָמענט אין דער גאַנצער פּסיכיק פון דער העלדן. דער שטענדיקער עפּילאָג פון אַזאַ „מאַכשאָווע"

1 דער עטנאָגראַפישער עלעמענט אין „סטעמפּעניו" ליגט אויבנאויף און לאָזט זיך זייער גרינג צו דערקענען. אַזוי דערוויסן מיר זיך שוין פונעם ערשטן קאַפּיטל אַז: 1) באַ יידן, צווישן אונדז ריידנדיק, שעמט זיך דער באַל-מעלאָכע מיט זיין גראַד; 2) אַ זכיע איז געווען באַ יידן, אַז מ'האָט געהערט ניסי בעלזער; 3) יידן האָבן ליב מוזיק און פאַרשטייען נעגינע; 4) צאָרעס דאַרף אַ ייד ניט גיין לייען; 5) „דאָס יידישע האַרץ איז אַ פידעלע"; 6) ריידן, טייַנען, זינגען מיט אַ געוויין הייסט „אַפן יידישן שטייגער". מיר האָבן בעקיוון געבראַכט דאָ פון ערשטן קאַפּיטל עטלעכע מוסטערן פון אַ גאַנץ פאַרשיידענעם כאַראַקטער. זיי פאַרבינדט אָבער איין און דערזעלבער צוגאַנג, וואָס ווערט באַצייכנט מיט די ווערטער „באַ יידן", „אַפן יידישן שטייגער". ווי דערדאָזיקער צוגאַנג זאָל ניט וואַריאירט ווערן (שאָלעם-אַלייכעם וואַריאירט אים אין „סטעמפּעניו" גאַנץ ברייט), האָט ער אין זיך דאָך אַלעמאָל באַשטימטן עטנאָגראַפישן מאָמענט.

עבעך, וואָס זיינען געבונדן און געפענטעט, געהיט און אָפּגעהיט ביז מע דעקט זיי צו דעם קאָפּ און דאַן ווערן די מיידלעך אויך ווייבלעך, אופגעבונדענע, פרייע, גליקלעכע ווייבלעך..."[1] דאָ האָבן מיר ווידער אַ פאַל, ווען, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם זאַץ, שטעלט שאָלעם־אַלייכעם אַוועק אַפּן אָנגעוויזענעם אָרט דעם עפּיטעט, אָבער דאָס מאָל האָבן מיר ניט איינעם, נאָר גאַנצע דריי עפּיטעטן.

ענלעכס זעען מיר אויך אין אַן אַנדער אָרט, ווען שאָלעם־אַלייכעם רופט אויס:

„צו דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער ראָכעלע די שיינע— די שיינע, די הייכע, די ערלעכע ראָכעלע..."

אין אַנדערע פאַלן טוט שאָלעם־אַלייכעם דאָסועלבע ניט נאָר מיטן עפּיטעט. עס טרעפט אָפּטמאָל, אַז שאָלעם־אַלייכעם פירט אַריין, קעדיי צו פאַרשטאַרקן די אויסדריקלעכקייט פון זיין שפּראַך, אַ דרייפאַכע וואַריאַציע (ווי פריער מיטן עפּיטעט) פון אַ גאַנצן בייזאַץ, און אַמאָל אַפילע פון גאַנצע זאַצן. דידאָזיקע דערשיינונג איז אַזוי פאַרשפּרייט אין „סטעמפּעניו", אַז מע וואָלט זי געמעגט אָנרופן „שאָלעם־אַלייכעם־טריאַדע".

אָט האָבן מיר פאַר זיך די שילדערונג פון ראָכעלעס כאָלעם — איינס פון די אָריגינעלסטע ערטער אין „סטעמפּעניו". ווי אָפּט טרעפן מיר דאָ די „טריאַדע"!

..."ראָכעלע קוועלט, לאַכט און זינגט — און סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייטש קאַרעלן..."

..."דער ווינט בלאָזט און פייפט און עס הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריקער געזאַנג..."

..."עס הערט זיך, ווי אַ פידעלע שפּילט, שוין ווידער אַ באַקאַנט פידעלע, סטעמפּעניוס פידעלע."

..."דאָס וויינט כאַיע־עטל... וואָס ער האָט זי פאַרביטן אַף אַן אַנדערע, פאַרגעסן כאַיע־עטלען, פאַרגעסן...„

..."זי וויינט, זי יאָמערט, זי קלאָגט — און ווערט פאַרשווונדן..."[2]

שאָלעם־אַלייכעם איז, קאָנטיק, אַזוי פאַרגלויבט אין דער „טריאַדע", אַז אין איין פאַל בעסערט ער אַפילע אויס אין 1903־טן יאָר דער ערשטן וואַריאַנט פון 1888 אַזוי, אַז עס זאָל זיך באַקומען:

..."זי האָט זיך געפילט צווישן אייגענע פרעמד, צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טרייע — פאַרלאָזט..."

אין ערשטן וואַריאַנט פון „סטעמפּעניו" לייענט זיך דער זאַץ אַזוי:

„זי האָט זיך געפילט צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טרייע — פאַרלאָזט"[3].

באַזונדערס לאָזט זיך מערקן די „טריאַדע" אין די שטעלן, ווו שאָלעם־אַלייכעם שילדערט ראָכעלעס אופגערודערטן געמיט־צושטאַנד. מיר טרעפן עס, לעמאָשל, אינעם קאַפּיטאַל „אַ שווערע נאַכט":

..."וואָס האָט ראָכעלע געוויינט?... דאָס האַרץ איז איר שוין פון אַ צייט געווען שווער, זייער שווער. נאָר פּלוצים האָט זיך עס צעוויקט, צעגאָסן און אויסגעגאָסן זיך דורך ריקעס טרערן..."

..."ראָכעלע האָט געפילט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז זי איז עלנט, אַז עס גייט איר עפּעס אָפּ, אַז עס פעלט איר עפּעס — נאָר וואָס פעלט איר, דאָס האָט זי ניט געוווסט און ניט געקאָנט וויסן..."

1 פ"ביב. ז. 155

2 סט. 76.

3 פאַרגלייך נייסטע אויסגאַבע פון „סטעמפּעניו" ז. 176 און סט. 39.



..."וועאַל קולאָם איז ראָכעלע גלאַט געווען צעשרויפּט, צערודערט און פאַרטומלט די לעצטע צייט".

..."ראָכעלע... האָט אין זין אַ פרעמדן, באַקומט פון אים בריוועלעך, באַגעגנט זיך מיט אים — און גאָרניט..."

..."ראָכעלע כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ און הערט זיך צו, ווי די שלייפן קלאַפּן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט און די נעשאָמע ציט־ציט".

..."זי... דערהערט פּלוצים זייער אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ באַקאַנט שפּילן פון אַ באַקאַנט פידעלע..."

..."צו דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער ראָכעלע די שיינע— די שיינע, די ריינע, די ערלעכע ראָכעלע..."

..."עס קלעמט דאָס האַרץ, ציט די נעשאָמע, נעמט אַרויס דאָס כאַיעס — און ראָכעלע שטייט אַ האַלב־נאַקעטע באַם פענצטער און הערט זיך צו..."

..."און עס ווילט זיך איר אין דעם מינוט אייביק שטיין נאָענט נעבן אים, שטיין און אייביק הערן זיין שפּילן, און אייביק זעען זיינע שיינע אויגן".[1]

מיר האָבן בעקיוון געבראַכט אַזאַ היפשן ציטאַט, ווייל גראַדע דידאָזיקע אָפטע איבערכאַזערונג פון איין און דערזעלבער סטיליסטישער פיגור אין איין קאַפּיטל באַווייזט, אַז דאָ האָבן מיר צו טון ניט מיט קיין צופעליקע דערשיינונג. שאָלעם־אַלייכעמס „טריאַדע" געפינען מיר ניט נאָר אין די ציטירטע עטלעכע זייטלעך פון „סטעמפּעניו".

אַף דערזעלבער „טריאַדע" איז אויך געבויט די שילדערונג פון סטעמפּעניוס פידל־שפּילן. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ פאַר זיך אַ מאָמענט פון א שטאַרקן געפילן־גאַנג און ער ווייסט קיין בעסער מיטל ניט, ווי די אָנגעוויזענע „טריאַדע". די שילדערונג פון סטעמפּעניוס פידל־שפּילן קומט אוף דריי מאָל אין פאַרלויף פונעם ראָמאַן, און אַלע דריי מאָל טרעפן מיר די „טריאַדע". אין אייניקע פאַלן איז זי עטוואָס מאָדולירט, אָבער דאָס וויכטיקסטע — די ריטמישע פיגור, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער „טריאַדע"—פאַרהיט שאָלעם־אַלייכעם אומעטום[2].

שאָלעם־אַלייכעם האָט געפּרוווט ווירקן אַף דער שפּראַך פון אינעווייניק, אַריינציענדיק דאָס וואָרט אינעם גאַנג פון אַ נייעם אינטענסיוון ריטם. און אַף אַזאַ אויפן קומט שאָלעם־אַלייכעם אין „סטעמפּעניו" נאָך צו אַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק־מיטל: צו דעם איבערגעכאַזערטן רעפרען. אין „סטעמפּעניו" זיינען פאַראַן נאָר אַ פּאָר אַזעלכע פאַלן, ווען שאָלעם־אַלייכעם כאַזערט איבער נאָכאַנאַנד עטלעכע מאָל אַ באַשטימטן, ספּעציעל־אויסגעקליבענעם רעפרען, אָבער דידאָזיקע פאַלן זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר שאָלעם־אַלייכעמס סטיל פון די שפּעטערדיקע יאָרן, אַז אַף דעם איז קעדיי זיך אָפּשטעלן.

1) סט. 69-73.

2) אין „סענדער בלאַנק", ווו דער פּאָעטיש־ראָמאַנטישער טאָן איז קימאַט ניט פאַראַן, טרעפט זיך זעלטן די „טריאַדע". איין פאַל, ווען דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם באַנוצט זיין „טריאַדע", האָבן מיר דאָך אין „סענדער בלאַנק".

דאָס איז די באַגעגעניש פון רעוועקאַ זעמעל מיטן סטודענט (אין צוג). די באַגעגעניש איז ניט קיין דויערנדיקע, אָבער שאָלעם־אַלייכעם וויל דאָך געבן דאָ אַ באַזונדערע עקספּרעסיע און ער שרייבט:

..."אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אירע אויגן געעפנט, אַ שיינע, א גרויסע, אַ ליכטיקע וועלט!.."

..."אין דער נאַטור האָט אַלעס געבליט, געזונגען, געלעבט — עס איז געווען דעם צענטן מאַי, איר פאַרשטייט?.."

..."רעוועקע... האָט אופגעהויבן אירע אויגן אַף דעם יונגן סטודענט און האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע פייערדיקע אויגן..."

..."אַפּן האַרצן איז איר געווען אַזוי גוט, אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרעם, ווי אין דער נאַטור..." (סענדער בלאַנק, אויסגאַבע 1888, ז. 58).

ציען נאָר אַף די אָדער אַנדערע פּראַטים [1]. קוקט מען זיך אָבער איין טיפער אין
דידאָזיקע „פּראַטים", דערזעט מען שאָלעם־אַלייכעמס אָנשטרענגונג זיך צו אָריענטירן אין
די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון די 80־ער יאָרן, זיין שטרעבן צו געפינען אַן איי־
גענעם ענטפער אַף די נייע צייט־פראַגן און צייט־איבערלעבונגען. מיר טרעפן דעריבער צו
יענער צייט באַ שאָלעם־אַלייכעמען ניט נאָר דעם דערציילערישן זשאנר פון „איבערגעכאַפּ־
טע בריוו", נאָר אויך אַזאַ אויסגעשפּראָכן־דעקלאַראַטיוון „זשאַנר", ווי די „בריוו צו אַ גוטן
פריינט" — דער נאָכוואָרט צו „סטעמפּעניו" — אַ מין פּראָגראַם־דאָקומענט, וואָס דערציילט
אונדז, מיט וויפל מי שאָלעם־אַלייכעם האָט אין די 80־ער יאָרן געזוכט זיין „אידיי". און
וויפיל נאָך ענלעכע דאָקומענטן — האַקדאָמעס צו קינסטלערישע ווערק, קריטישע אַר־
טיקלען, פּריוואַטע בריוו א. אַז. וו. — דער ־ילן אונדז וועגן שאָלעם־אַלייכעמס אידעאָלאָ־
גישע זוכונגען, בלאָנדזענישן און אַנטפּלעקונגען פון יענער צייט?...

אין זיינע דעמאָלטיקע זוכונגען לאָזט דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם גאַנץ אָפט זיך
פירן דורך דער לאַנג שוין אויסגעפורעמטער מענדעלע־טראַדיציע און איר לעבעדיקער פאַרקער־
פערונג — דעם „זיידן", צו וועמען ער, שאָלעם־אַלייכעם, פאַרשרייבט זיך פאַר אַ געטריי
„איניקל". אָבער פיל מער, ווי מיט דעם „זיידן", איז שאָלעם־אַלייכעם דעמאָלט אינערלעך
פאַרבונדן מיטן דאָר ייִנגערע שרייבער, וועמען עס איז געווען באַשערט צוזאַמען מיט
שאָלעם־אַלייכעמען איבערנעמען די איניציאַטיוו אין דער אופבויונג פון דער יידישער ליטע־
ראַטור נאָך די 80־ער יאָרן. דאָס זיינען געווען פּערעץ, ספּעקטאָר. עמעס, די צוזאַמענאַ־
בעט מיט זיי האָט ניט באַטייט אַזאַ אַרט פאַרייניקונג פון ליטעראַרישע קויכעס, וואָס
שטעלט זיך באַשטימטע, שאַרף־אויסגעשפּראָכענע צוועקן. י. ל. פּערעץ האָט וועגן דער צייט
אַנומעלטן דערציילט:

„אין יאָר 1890 איז קאַם געווען דער פונדאַמענט (פון דער יידישער ליטעראַטור — נ. א.).
אַ הייפל מענטשן האָבן זיך צו אים געשטעלט, ניט אָפּגערעדט צווישן זיך. איינער האָט
דעם צווייטן ניט געקענט, קיינער האָט נאָך קיינעם ניט גערופן. יעדערער איז פון זיך גע־
קומען, זיך אין זיין ווינקל צו דער אַרבעט געשטעלט, ערשט באַ דער אַרבעט — איינער
דעם צווייטן דערזען, פאָרגעשטעלט זיך, די האַנט דערלאַנגט און אָפט — זיך אומגע־
קערט"... [2]

אָט די שילדערונג, וועלכע פּערעץ האָט (מעגלעך, אַז צוליב זיינע פאַרשאַרפטע באַ־
ציונגען מיט שאָלעם־אַלייכעמען) איבערגערוקט אַף אַ פּאָר יאָר פאָרויס, פּאַסט זיך פּאַקטיש
אויך צו דעם ליטעראַטור־צושטאַנד, וואָס מיר האָבן פאַר זיך סאָף 80־ער יאָרן, אין דער
צייט, ווען עס איז דערשינען שאָלעם־אַלייכעמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק". וואָס־זשע
האָט פאַראייניקט אָט דאָס „הייפל מענשן" מיט גאַנץ־פאַרשיידענע קינסטלערישע סימפּאַטיעס
און פאַרלאַנגען?

די 80־ער יאָרן, די צייט, ווען אינעם גאַנצן לאַנד אַרום און אַרום הייבט זיך אָן פילן
דער אומופהערלעכער וווקס פונעם רוסלענדישן קאַפּיטאַליזם, ברענגט אַריין אויך אין דער
יידישער סוויווע אַ גאַנצע ריי פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס דיקטירן דעם ייִנגערן דאָר
שרייבער נייע אינטערעסן און פאַרלאַנגען. ניט דאָ, אין דער אַרבעט, איז געווען דאָס אָרט
נאָכצושפּירן יענעם וועג פון לאַנגזאַמער אָבער אומפאַרמיידלעכער פאַרענדערונג, וואָס קומט
פאָר אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון דער יידישער סוויווע אינעם פּעריאָד

[1] איינעם אַזאַ „פּראַט" גיט, אַגעוו, אָן י. ד. בערקאָוויטש גופא, ווען ער באַווייזט, ווי שאָלעם־אַלייכעם „וואַרפט
זיך אַליין אויף דורכן באַראָן פּיפּערנאָטער, לעמיי ער פאַרשווענדט זיין „סאַטירע" אַף אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי
טאַקסע, אַליעס, כסידים, שול־איניאָנים... (ש"א „בוך ז. 317) און דאָס אַלעס, ווייל אונדז איינשמייעסן י. ד. בערקאָ־
וויטש, קומט באַ שאָלעם־אַלייכעמען פאָר „אָן קיין שום זייטיקע אידעישע קאַוואָנעס און טענדענצן"...
[2] פּערעץ: „געדאַנקען אין דער וועלט אַריין" „דער פריינד" 1911 י. № 301



ערעוו און אין גאַנג פון די 80־ער יאָרן. מיר האָבן נאָר אָפּגעשטעלט זיך אַף איין
וויכטיקסטער געשעעניש פון די 80־ער יאָרן, ווייל אָט די געשעעניש — די פּאָגראָם־קאַטאַסט־
ראָפע — האָט אַף אַן אומגעריכטן אויפן באַלויכטן די „פיל נייס, פיל פאַרענדערונגען", וואָס
האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער יידישער סוויווע פאַר דער גאַנצער עפּאָכע, וועלכע מיר
האָבן באַהאַנדלט דאָ. די פּאָגראָם־קאַטאַסטראָפע האָט אַף אַ נייעם אויפן באַלויכטן פאַר
דעם ייִנגערן שרייבער דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דער ניט־לאַנג־אופגעקומענער יידישער
גרויס־בורזשואַזיע און דער ברייטערער מאַסע פון יידישן קליינבירגערטום און די „אונ־
טערשטע" פאָלק־שיכטן, באַוויזן אין אַן אַנדער שייַן די פאַרהעלטעניש צווישן גרויס־שטאָט
און קליינעם שטעטל, צווישן דער „העכערער קלאַסע, וואָס מע רופט דאָס אָן: אינטעלי־
גענציע" און דעם „האַמוין־אַם". שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך געמעגט מיט אַ באַזונדער ניי־
געריקייט אַרומפאָרן איבער „קליינע שטעטלעך, ווו עס איז קיין אייַזנבאַן לעסאַטע ניטאָ",
אָבער אין דער „וועלט־רייזע" (שפּעטער: „דער ערשטער אַרויספאָר") האָט עס געשמעקט
שוין מיטן ערשטן אַרויספאָר אין דער וועלט פון גרויסע ניסיוינעס און שטרויכלונגען,
וועלכע עס האָט געשפּרייט אַרום דעם קליינעם שטעטל דער וווקס פונעם רוסלענדישן קאַ־
פּיטאַליזם (מיט איין פּאָר יאָר שפּעטער, אָנהייב 90־ער יאָרן, האָט שוין וועגן דעם גאָר
אָפן גענומען ריידן פּערעץ אין זיין פּאָעמע „דער באַלעגאָלע"), נייע עקאָנאָמישע און סאָ־
ציאַלע פאַרהעלטענישן זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט, באַ דער סאַמע שוועל פון דער
יידישער סוויווע. און דאָס אַלעס האָט געוועקט נייַע פאָרגעפילן באַם יונגן דאָר שרייבער.

אַפּן פאָן פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע, וואָס האָט באַהערשט דאָס דעמאָלטיקע רוס־
לאַנד, און שטענדיק אונטערן דרוק פון יענע רעאַקציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן נאָך די
פּאָגראָמען אַ פלייץ געטאָן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט דאָס „הייפל מענטשן"
געפורעמט דעם נייַעם יעסאָד פאַר דער יידישער ליטעראַטור פונעם נאָך־האַסקאָלע־פּעריאָד.
דאָס איז געווען יענע צייט, ווען דער מאַסקיליש־דעמאָקראַטישער אינהאַלט פון דער מענ־
דעלע־טראַדיציע האָט געמוזט וועזנטלעך באַנייט ווערן, אַף אַ נייעם אויפן דערגאַנצט און
דערקלערט ווערן. פאַר אָט דער אַרבעט האָט זיך גענומען דאָס „הייפל מענטשן", צו וועמען
עס האָט געהערט אויך שאָלעם־אַלייכעם [1]. זיי האָבן גענומען איבערפורעמען די מענדעלע־
טראַדיציע אין גייסט פון אַ ניי־אופקומענדיקער עפּאָכע. שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך גאָר באַם
אָנהייב פון זייַן טעטיקייַט גענומען זוכן די ריכטיקע אָנווענדונג פאַר זיינע פאָלקיסטישע
טענדענצן, גענומען זוכן די נייע וועגן צום אָביעקט פון זיינע ראָמאַנטיש־באַפאַרבטע שטרע־
בונגען—צום „פאָלק". ער האָט דערביי ניט געקאָנט זיך באַפרידיקן מיטן אָרעמען ביסל דע־
מאָקראַטישע קאַוואָנעס פון דער כיבאַס־ציען־באַוועגונג, וווהין ער האָט זיך אָפיציעל אַריינ־
גערעכנט. מיט דעם געדאַנק, אַז זייַן באַרוף איז צו שילדערן דאָס „פּראָווינציעלע לעבן פון
דער יידישער מאַסע" ווערט באַ דעם יונגן שאָלעם־אַלייכעמען שוין פאַרבונדן אַ נייע באַ־
ציונג צו דער ברייטער מאַסע, צו דער אָרעמער באַרדיטשעווער גאַס. דערביי קומט אויס
שאָלעם־אַלייכעמען, ווי אויך די איבעריקע ייִנגערע שרייבער פון די 80־ער יאָרן, זיך פאַנאַנ־
דערגיין אין זייער אַ וויכטיקן פונקט מיט מענדעלעס אופאַסונג פון יידישן מאַסן־לעבן.
דעם נייעם דאָר שרייבער הייבט אָן ווערן ענג אין מענדעלעס געדאַנקען־וועלט. דאָס נייע,
מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעצייכענט די ווענדונג „צום פאָלק" באַם ייִנגערן דאָר שריי־
בער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער, דער נייער שרייבער, איז געגאַנגען אין „פאָלק" ניט

[1] קימאַט גלייכצייטיק האָט זיך פאַר אָט דער אַרבעט גענומען נאָך אַן אַנדער „הייפל מענטשן" — די רע־
וואָלוציאָנערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע. דאָרט האָט זיך עס שוין, עמעס, געהאַנדלט וועגן אַ ראַדיקאַלער
איבערבויונג פון דער ליטעראַטור־טראַדיציע אַף נייע יעסוידעס. אָבער אויך באַ מ. ווינטשעווסקי, באַ מ. ראָזענפעלדן
לאָזט זיך זען, וויפל אָנציונג־קראַפט עס האָט נאָך געהאַט פאַר זיי די טראַדיציע פון דער מענדעלע־שול אין דער
יידישער ליטעראַטור.

איר אופמערקזאַמקייט, וואָרעם אָן דעם וועט פאַר אונדז קיינמאָל ניט מעגלעך זיין וויגעהעריק צו פאַרענטפערן דעם גאַנצן סכום פראַגן, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פראָבלעם פון שאָלעם-אַלייכעמס קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

קיעוו 1927—1926.

———

## קירצונגען אין טעקסט.

צ. א. פון ש״א—זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שאָלעם-אליייכעמען״ פעטראָגראַד 1917.

Восход—В

פ״ב—„יידישעס פאָלקסבלאַט״.

Еврейская Старина—Ев. Ст.

ש. מ.—„שאָמערס מישפעט״ באַרדיטשעוו 1888

פ״ביב.—„יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ אונטער דער רעדאַקציע פון שאָלעם-אַלייכעם, ערשטער באַנד—1888, צווייטער באַנד—1889.

סט.—„סטעמפעניו״, ערשטער וואַריאַנט, געדרוקט אין „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ ערשטער באַנד.

מ. ג.—„מאָשקעלע גאַנעוו״, געדרוקט אין „יידישער פאָלקס-צייטונג״ 1903. ווערט בא אונדז ציטירט לויט דער אויסגאַבע „קולטור-ליגע״ (קיעוו 1927).

ש״א-בוך—שאָלעם-אַלייכעם-בוך (ניו-יאָרק, 1927)

———

מ. ווינער

# די ראָל פון שפראַך-פאָלקלאָר אין דער יידישער ליטעראַטור

(פון עטיודן צו אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שלוימע עטינגער)

## 1. אריינפיר. די פראָבלעם־שטעלונג

אין שלוימע עטינגערס ווערק, וואָס באַטייטן אַ ווענדפונקט אינעם איבערגאַנג פון נאַיִוו־שטייגערישן רעאַליזם צום קינסטלערישן רעאַליסטישן סטיל, וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס גראָד יענע פיגורן, צו וועלכע דער אַווטאָר האָט אַ נעגאַטיווע באַציִונג, און קימאַט נאָר אָטאָ די, לעמאָשל: סערקעלע, גאַווריל הענדלער, יויכענען שאַדכן, שמעלקע טרויניקס א. אז. וו. באַנוצן אין זייערע רעפּליקעס באַזונדערס אַסאַך שפראַך־פאָלקלאָר [1], ד. ה. סטערעאָטיפּישע, פיקסירטע פראַזעאָלאָגיע: רעדנסאַרטן, שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך, קאַנאָנישע פאַרגלייכענישן א. אַז. וו. מיר זעען דאָס נישט בלויז אין „סערקעלע״, נאָר אויך אין די „מעשאָלים״ [2] עטינגערס. בא אָטאָ די פיגורן זיינען פאַראַן רעפּליקעס, וואָס באַשטייען אייגנטלעך אינגאַנצן פון אַ קייט קונציק צונויפגעפלאָכטענעם שפראַך־פאָלקלאָר [3]. געוויינלעך קאָנסטאַטירן מיר דאָס בא יענע פיגורן, וואָס זיינען זייער ספּעציפיש־עטנאָגראַפיש אויסגעפורעמט, יידישלעך־פרומלעכע, הינטערשטעליקע, אָדער ביידוויליקע אינדיווידן פון „אַלטן דאָר״, פון וועלכע עטינגער וויל, מיט זיין קימאַט גוטמוטיקער איראָניע, קריטיקירנדיק אָפּשפּעטן. די „אופגעקלערטע״, „געבילדעטע״ פאַרשוינען און די אַנדערע פּאָזיטיווע פיגורן, לעמאָשל, די מעשאָרסים, באַנוצן זעלטן פאָלקלאָריסטישע פראַזעס.

שפראַך־פאָלקלאָר אין דער ליטעראַטור איז אַ באַשטאַנדטייל פון רעאַליסטישן נוסעך. אין אָנהייב איז דער כאַראַקטער פון אַ נייער אָדער באַנייטער ליטעראַטור געוויינלעך רעאַליסטיש. דיזעלבע סיבעס, וואָס פירן אַרויף אַ פאָלקסשפראַך אין דער ספערע פון בוך־ליטעראַטור, דער איבערקערערישער דראַנג און די שטרעבונג אופצוהייבן עקאָנאָמיש און קולטורעל אַ באַשטימטן סאָציאַלן אָדער פּאָליטישן שיכט און אים אומאָפּהענגיק צו מאַכן פון די הערשנדיקע שיכטן — אָטאָ דיזעלבע סיבעס פירן מעמיילע אויך צום שטייגערישן, כאָטש דערווייל נאָך פּרימיטיוון רעאַליזם, ווי צו אַ מיטל אַף קריטיקירן דעם סאָציאַלן אָדער מעלוכיש־פּאָליטישן סיידער. פון דער אַנדערער זייט אָבער פירן אין אָנהייב טאַקע אויך דיזעלבע סיבעס צו אַ פאָלקיסטישער, ראָמאַנטישער באַציִונג צו דער שפּראַכלעכער „עטנאָגראַפיע״ מיט אַלע אירע פליטערלעך. נישט בלויז ווייל מע מוז אין אָנהייב שרייבן

---

1 זע די סטאַטיסטיק אין די „צוגאָבן און אָנמערקונגען״ אפן סאָף פון דער אָפּהאַנדלונג (פון ז. 104 און ווייטער) I. „באַשטאַנד פון שפראַך-פאָלקלאָר אין עטינגערס „סערקעלע״.

2 זע דאָרט אָנמערקונג ז. 121

3 דאָרט.